234

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 7־6 (העפט 9־368)   דריי און צוואַנציקסטער יאָר   יוני־יולי 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה אַ ל ט :


מכוח די קליימס־קאנפערענץ אין סאַוואָי־האָטעל ...... ** 1

מכוח די „נעמער“ און „קעגנער“ פון די דייטשע שילומים ...... ש. י. האַרנדאָרף 3

„דער מלך המות“ (מאָנאָלאָג) ...... אברהם קירשענבוים 5

וואָרט נישט פון לעבן (ליד) ...... עלע זילבערג 11

יצחק ראָזענבערג (פּאָעמע) ...... יוסף לעפּטאָוויטש 12

אַ פּאָר הענטשקעס (סקיצע) ...... משה בעקערמאַן 12

פאַרוואָס? (ליד) ...... מנחם קוטנער 14

די קולטור פון לעבן אָדער דער קולט פון טויט (עסיי ...... יעקב ריכטיגער 14

ציגיינער (סאַנעטן־קראַנץ), מ׳רירט זיך אין וועג אַריין (פּראָזע) ...... א. נ. שטענצל 19

אַ דיכטער האַרץ (ליד) ...... יהושע ריווין 44

נאָטיצן פון אַ ליינער (ארום גן־עדן, צוגאַסט, יידיש טעאַטער) ...... א. אַלמאַן 45

אַכציק יאָריקער יובל פון יהודה ביטש ...... מנשה ווייסגראַז 47

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ...... 48

ווער באַקעמפט יידיש אין ארץ ישראל ...... א. אַרזשיצער



## פּרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"ŁOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press. 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*


## לאָנדאָנער קולטור ידיעות

דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז געפייערט געוואָרן מ׳ט א גרויסער פאַרזאַמלונג פון אַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין סאַנקט פּאַנקערט האָל. די הזכרה האָט געמאַכט חזן האַס, רעציטירט אין יידיש : יידל גאָלדבערג.

פרײַנט פון יידיש לשון, רידינג רום און דער בונד אין אדלער־האָל : רעדנער : שאָשקע ערליך, הזכרה : לעאָן בלומענזאָן, רעציטירט און געזונגען קאַצעט לידער — נעט רובין און מאיר באָגדאַנסקי.

ביי דער וויצ״א האָט געמאַכט די הזכרה חזן סמוס, גערעדט רעוו גייער.

ביי דער פייערונג אין אַרבעטער רינג האָט גערעדט פּראָפעסאָר לעווי און עלעק וואָטערמאַן א. האָלאַד האָט רעציט׳רט.

° ° °

יונה פּאָדאָלסקי, אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין ייד׳ש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, קאַסירער פון ייוו״א איז נאָך שווער ליידן געשטאָרבן. מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטגלייד צו פרוי פּאָדאָלסקי, זון און טאָכטער.

נייטן קראַמער, אָנגעזעענער אַרבעטער־טוער, געשטאָרבן פאַרגאַנגענעם חודש.

° ° °

די גרופּע „פרייע אַרבעט שטימע“ האָט אין אַרבעטער־רינג געפייערט דעם 71׳סטן יאָרגאַנג פון דער „פרייע־אַרבעט־שטימע“ דעם פאָרזיץ האָט געפ׳רט פריינט ביילי.

° ° °

די חברים פון בונד האָבן אויפגענומען די געסט, פּראָפעסאָר אלעקסאַנדער ערליך און פרוי שאָשקע ערליך ביי א גלעזל טיי אין ארבעטער־רינג. דעם פאָרזיץ האָט געפ׳רט בערל ראָזנער.

° ° °

מיכאל זילבערבערג און אליהו פּאָלושאַק, נטע און פרוי קויפמאַן זיינען צוריקגעקומען פון קורצע באַזוכן אין מדינת ישראל א. מ. קייזער איז איצט געפאָרן אויף אַ לענגער אויפהאַלט דאָרט.

° ° °

בעלאַ וויינער האָט געהאַלטן א פּאָרטראָג : 40 יאָר די מאָרגנפרהייט אין אַמעריקע.

עלעק וואָטערמאַן איז געווען אין וואַרשע צו די 19־אַפּריל־פייערונג.

° ° °

די אַקטריסע אנא באום איז פערגאַנגענעם חודש געשטאָרבן, מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו אים מאַן, דעם בעליבטן אַקטיאָר מאַקס באום.

° ° °

פייערונגען לכבוד דעם יום העצמאות זיינען אָנגעגאַנגען אין אַלע לאָנדאָן. אין ווייטשעפּל האָט די „בית־ציון“ געפייערט אין בית־הכנסת־הגדול אין קאָמערשל ראָד, די וויצ״א אין אַדלער האָל, פריינט פון יידיש לשון שבת־נאָכמיטאָגס ביי די

° ° °

די געזעלשאפט פאַר יידישע קולטור ביי דער פועלי ציון, האָט אין קאָרע־האָטעל געפייערט דעם הונדסטן געבוירן יאָר פון יידישן טעאַטער. רעדנער יוסף לעפּטאָוויטש ס׳איז אויך אַן אַלבאָם געווידמעט דעם דאַטום, רעדאַגירט פון י. ח. קלינגער.

° ° °

יוסף לעפּטאָוויטש, האָט זיך באַטייליקט ווי א דערלעגאַט אויפן פען־קאָנגרעס אין בעלגיע, האָט אויך באַזוכט פּאַריז.

° ° °

ש. י. האַרענדאָרף איז צוריקגעקומען פון א קורצן באַזוך אין בעלגיע.

° ° °

מרדכי ארדון, באַרימטער מאָלער פון ישראל האָט פערגאַנגענעם חודש געהאַט דא אן אויסשטעלונג, די פּרעסע האָט זיך אָנגערופן זייער באַגייסטערט.

° ° °

אין דער לעצטער לעבעדיקער צייטונג האָבן זיך באַשטייליקט : יוסף פרענקל, י. א. ליסקי, בן־צבי בערנשטיין, א. ראָלין און שלמה אויערבאַך. פאָרזיץ ש. י. האַרענדאָרף.

° ° °

דער מאָלער שרגא ווייל פון ישראל האט אן אויסשטעלונג אין בן־אורי, די בילדער גוטע מאַכן אַ גוטן איינדרוק.

° ° °

חבר סעם לעוו ווערט דעם חודש אַלט 75 יאָר. מיר ווינטשן אים עד מאה ועשרים :

## א וואַרשעווער געטאָ אויסשטעלונג

קומט פאָר פון 30 מאי ביז דעם 6׳טן יוני אין העקני־טאַון־האָל

מער סטר. א.1.

## מאַטילדע אש ע״ה

ביי דער הזכרה וואָס „פריינט פון יידיש לשון" האָט געמאַכט צו די שלושים פון **מאַטילדע אש**, די פרוי פון **שלום אש** האָבן גערעדט: **מיכאל זילבערבערג** און **רחל דון-יחיא**. רעציטירט פון שלום אש׳ס ווערק האָבן **אייזיק גאָלדבערג** און **י. ביעטש**. די טאָכטער, דער איידעם און אן אייניקל האָבן זיך געפונען אין זאַל. דעם פאָרזיץ האָט געפירט א. נ. שטענצל.

## מאַטילדע אש

(א פאָרטרעט פאַר איר טאָכטער, רות, אייניקל און אור־אייניקל)

אין אַלע אירע טויזנט־איין געשטאַלטן,
האָט זי דאָס פּנים פון שטעטל באַהאַלטן;
עניוותדיקע שלאַנקייט אַלע אירע טעג,
און די שטילקייט אין יעדן אירן באַוועג.

שנירלעך פּערל האָבן זיך אויפגעצויגן —
אירע ליפּן פּאַמעלעך זיך באַוויגן;
באַגילדיקט קאָן שוועבן שווייגנדיקער בליק,
ווי וואָרט, גוט־איינגעפּאַסט, קאָן ווערן אַנטיק.

פערציק פרילינגס צוריק, ביי קאַפּע טישל,
ווי זילבעריק־זיס איר לעפּעלע־מישל — —
נישט נאָר פון אַשן מיר האָבן נאַשן געוואָלט,
שטעטל־פאַרליבט, לייב־און־לעבן אזוי האָלט.

די מאַמעס פנימער געהאַט פאַרגעסן,
דערמאָנט — אַרום איר מיר זענען געזעסן;
אַש אליין, ס׳ייִנגל מיט זיין ערשטן כתב־יד!
אז די מאַמע תמיד ארום זיך געהאַט.

זיין לעצטע דערציילונג „די פינגער" געלעזן?
ס׳לעצטע מאָל ביי איר קראַנקן־בעט געוועזן?
אַזוי־אַ וואָרצל אין ערד אַריין מען לייגט,
בלויז דאָס געשטאַלט — א בוים מיט עפּל צעצווייגט.

א וואונדער אז אש „דאָס שטעטל" געשריבן?
אז פאַר איר שלומען אים אויסגעקליבן!
ווי וואונדערלעך געוויס דעמלט ערשט געוועזן,
ווען שלום אש צום ערשטן מאָל זי דערזען.

---

אונזער טיפן מיטלייד צו אונזער פריינט **יוסף הלל בינענפעלד** און זיינע קינדער צום טויט פון זיין טאָכטער און זייער שוועסטער, **גאָלדע**. זיי זאָלן מער נישט וויסן פון קיין צער.

„לשון און לעבן" און „פריינט פון יידיש לשון"

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 7־6 (העפט 9־368) דריי און צוואַנציקסטער יאָר יוני־יולי 1962 לאָנדאָן

## מכוח די קליימס-קאָנפערענץ אין סאַוואי-האָטעל

אין דער ריכטיקער צייט האָבן זיך פאַרזאַמלט די „באָרד אָף דירעקטאָר׳ס" פון „קליימס־קאָנפערענץ". די וועסט־אייראָפּעאישע פעלקער פאַראייניקט אין איין גרויסן וועלט־מאַרק מיט מערב־דייטשלאַנד אין דער שפּיץ, האַלט זיך ביים עטאַבלירן, קומט זיי, די אויבן דערמאָנטע, ווי דעם מעקלער־קאָנצערן, אויסצוזאָלן פאַרן אָפּשלוס פונעם גרויסן מסחר, דעם פולן געהאַלט פון זייער כשר פאַרדינטן מעקל־געלד. אזוי פירט זיך אין דער ערלעכער סוחרישער וועלט.

צי וואָלט דען ווער פון די געליטענע אייראָפּעאישע, קריסטלעך־ציוויליזירטע פעלקער זיך געזעצט מיט דייטשלאַנד, (זיי וואָלט זיך לאַנג געדרייט ארום טיש, ווי צעשלאָגענע שותפים, ווי צעקריגטע מחותנים, אבער דאָך זיך געשעמט איינער פאַרן אנדערן . . . און אפשר אויך קיין האַרץ נישט געהאַט דערצו . . .) ווען מדינת־ישראל וואָלט עס נישט געוועזן פריער געטון, און דערצו נאָך אריינגעשלעפּט אונזערע רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין די תפוצות.

דייטשלאַנד וואָלט דאָך געוועזן געלעגן אין א חרם, נישט ווי שפּאַניע, בלויז ביים יידישן פאָלק, נאָר ביי אַלע פעלקער פון דער וועלט; זי וואָלט דאָך געבליבן אַ מדינה־נדחת — למען ידעו!

און צי וואָלט מערב־דייטשלאַנד געווען אַצינד דער גרויסער סוחר אויפן וועלט־מאַרק, ווען נישט זיינע טיכטיקע יהודימשע־איזראַעליטישע קאָמיוואָיאַזשאָרן, שוין פאַר 1948, וויאַ — — — דאָס טריפהנע מעקל־געלד איז כשר־פאַרדינט און מ׳מעג עס נוצן בתכלית הכשרות, — עס טראָגט דאָך אויף זיך דעם שחיטה־סטעמפּל!!! . . .

נאַטירלעך, איידער מען באַקומט אויסגעצאָלט די לעצטע סומע מעקל־געלד, מוז מען נאָך האָבן דעם ענטגילטיקן הענט־געפּאַטש, ווי ס׳איז די „זיטע" אויפן אָקסן־מאַרק, צווישן דר. גאָלדמאַן און דר. אַדענאַוער. אבער מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף אונזער „הויף־יודע" . . . נישט נאָר קאָן ער אויסגעצייכנט דעם „מה יפית", כמנהג אשכנז, מיט ניגון: „האָך זאָל ער לעבן, האָך זאָל ער לעבן, דריי מאָל האָך", נאָר אפילו טאַנצן מיטן בער, אז מ׳מוז! דר. גאָלדמאַן, איז אַהיימישער וואָיאַזשאָר, א „פאַקטאָר", פּיערשע קלאַס, מיט דער פּינקטלעכקייט און פּראַקטישקייט פון די פראַנקפורטער געסלעך און מיט דער פאַרנינפטיקייט און „לאָגיקע" פון די הויך־דויטשע פאַקולטעטן . . .

און מיט רעכט איז ער, דר. גאָלדמאַן, דער פּרעזידענט פון די „פּראַקטישע" ציוניסטן, דער פּרעזידענט פונם, — צו אַלע פאַרטייען לאָיאַל — „יידישן וועלט־קאָנגרעס", ער האָט דאָך אַדורכצופירן אין דער פּראַקטיק די דאָפּלטע

לאַיאַליטעט פון די יידן אין די תפוצות. מ׳זאל אונז נאָר נישט בלויז ווידער „פירן אין באָד אַריין״ . . .

דיפלאָמאַטן גייען אין זיידענע הענטשקעס, אבער מלוכה־מענער — אין אייזערנע! און ערשט אַזאַ „אייזערנער קאַנצלער״, ווי אונזער בן־גריון: מלוכה איז מאַכט, און מאַכט מיינט געלד — אויססטראַיען אַן אַרמיי, אז זי זאָל אויסזען ווי־נישט־איז לייטיש, אין אונזער אַטאָם־עפּעכאַ, זיינען קרן־קימת־פושקעס און כל־נדרי־אפילס אַ צו קליינע פעולה — — —

און וואָס זיינען דען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אַלע שאַטירונגען צוזאַמגענומען, מיט זייערע „אקציאָנס״־קאָמיטעט־„מעמבערס״, בזמן הזה, (ווען מ׳קריגט די גרויסע געהעלטער פון אָט־די געלטער) מער ווי מאכטלאזע פראָטעזשירטע כבוד־און בענקל־זיכער פון „אָפיסערס״ און ישראל־שליחים.

און וואָס האָבן שוין שול־פרעזידענטן, — סינאַגאָגן־גייערס „מיום־כפורים זה, עד יום הכפורים הבא עלינו לטובה! — געקאָנט אַנדערש האַנדלען ווי מסכים זיין צו די סליחה־ומחילה געלדער; ווען זיי דען זיין חלילה, קייגן ארץ ישראל, בפרט, אז מלאָזט זיי צו צו דער קערה . . .

קומען שוין די „קאָלעקטאָרס״ צום גרייטן, און די ראַביים מיט זייער „רעלידזשן״ און „דזשואישקאַלטשער״ און די „טיטשערס״ מיט זייער „עדיקיישן״ און די רעדאַקטאָרן פון יעדן פאַרטייעלע מיט זייערע קאַרס, און ראש ישיבה און דרעפּטשנדיקע שאלות־ותשובות שרייבער, מעלה־גירהן מיט פון דער שיסל, לעקן אפּ א כשר חזיר־פיסל, עס טוט זיך אויף טישן און אויף בענק --

יאָ, מען „טרעוולט״ שוין אפילו אין די דייטשע שטעט און שטעטלעך אַרום אפיציעל און ביחידות, און מ׳קלאַפּט אין די טירן מיט ישראל־קונסט און מיט ישובה־פושקע: „חטאך בצדקה פרוק״ . . .

יאָ, איך פאַרשטיי אפילו וויאַזוי, — נישט נאָר דער ייוו״א, נאָר צומאָל, — א סאציאַליסט, דער פארשטייער פונם „יידישן קולטור־קאָנגרעס״, יעקב פּאַט, געהער צו דער קנופיה: אז וויסן איז מאַכט, איז דאָך קולטור־ליטעראַטור דאס נעמלכע . . . טאָ זאלן מיר יידישיסטן, אויסגייענדיקע מיט גסיסה־סלינע, זיך צוקוקן מיט פאַרגלייזטע אויגן, ווי יענע, די ראַביים, די היברו־טישערס, די שטשערווע־מדרבננ׳ס זשלאָקען פון די שיסלען, צום צעזעצט צו ווערן? עס גייט איבער די כוחות . . . כאָטש נעמען שמעקן חלשות־טראָפּן.

אבער פאַרשטיין הייסט בלויז פאַרגעבן, עס מיינט נישט זיך צובאַטייליקן אין דער זבחי־מתים־סעודה און מיט־עסן דאָס נהמא דחזיפא ברויט.

מילא, אז וויסן איז מאַכט, זעען מיר דאָך: מ׳מאַכט חרוב די וועלט מיט דער וויסנשאַפט! אָבער דיכטונג, קונסט מוז בלייבן דער „הננו העני ממעש״, דער „תפילה לעני כי יעטוף״, זי מוז בלייבן די אינערלעכע מאַכטלאָזיקייט, צו קענען ווערן דאָס גרויסע פונם מענטש . . . וואָרים זי, די קונסט, האָט אין זיך א טאָפּלטע געפאַר, נישט נאָר קאָן זי אין דעם געלד־רויש־געלויף הב׳קען מיט די הינט, נאר אפילו וואָיען מיט די וועלף, אזוי קולטווירט קאָן זי זיין און ווי קינסטלעריש זי קאָן שטיין אויף אונטערשטן פיסל, פאַר א צוגעוואָרפן ביינדל.



# ש. י. הארענדארף

# מכוח די „נעמער״ און „קעגנער״ פון די דייטשע שילומים

1

למען־האמת. — ס׳איז א זייער אומדאנקבארע טעמע צו בארירן דעם ענין מכוח די שילומים פון דייטשלאנד, וואס ווערט זינט די לעצטע 10 יאר דיסקוטירט אויף די שפאלטן פון די יידישע צייטונגען און געשאפן צוויי זיך באקעמפנדיקע צדדים — די אזוי־גערופנע „נעמער״ און „קעגנער״.

אוודאי איז באקוועמער זיך צו פארהאלטן אין דעם אנגעווייטיקטן ענין „נייטראל״. אבער ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן, איז דער צד פון די „נעמער״ געוועזן א שטארקערער, בעת די „קעגנער״ פון די שילומים זענען געבליבן אין א איבערוויגנדער מינדערהייט.

מיר האבן דא בארירט די פראגע, אין שייכות מיט דער אין לאנדאן אפגעהאלטנער „קליימס־קאָנפערענץ״, אין חודש יוני. קאנקרעטער געזאגט, איז דאס געוועזן א בארַאטונג מצד דעם דירעקטארן־ראט פון דער „יידישער תביעות־קאָנפערענץ״ קעגן דייטשלאנד, וואס האט זיך בארַאטן וועגן די קומענדיקע ענדערונגען אינעם דייטשן אנטשעדיקונג־געזעץ פאר די געליטנע יידישע קרבנות פון נאציזם, וועגן אויסצאלן לערך א מיליארד דאלאר, ווי די לעצטע אנטשעדיקונגס־סומע פאר די יידישע מאטעריעלע פאדערונגען.

אין דער לאנדאנער קאנפערענץ האבן אנטייל גענומען די פארשטייערס פון 23 (דריי און צוואנציק!) יידישע וועלט־ארגאניזאציעס, וואס זענען נהנה פון די דייטשע שילומים. עס וואלט געווען א גרויסער צעטל אויסצורעכנען זייערע נעמען. אבער ס׳איז יא כדאי צו דערמאנען עטלעכע פון זיי, וואס זיצן ארום דער דייטשער געלט־שיסל און זיי נעמען די זיי צוגעטיילטע חלקים, ווי למשל, דער „יידישער קולטור קאָנגרעס״ אין אמעריקע; דער „דזשאינט״, דער יידישער וועלט־קאנגרעס, „איווא״, (בלויז פאר פארש — צוועקן וועגן נאצישן חורבן); „יד־ושם״ אין מדינת ישראל, וכדומה און וכדומה, אריינגערעכנט דער לאנדאנער „באארד און דעפּיוטיס״, „די אנגלא־דזשואיש אסאָסיאיישאן״, רעליגיעזע קהילות, ישיבות, קאלאדזשעס און א צאל אנדערע ארגאניזאציעס, מיט דעם אולטרא־אסימילאטאָרישן „וועלט־פארבאנד פון פראגרעסיוון דזשודאאיזם״, און א צאָל אנדערע יאהודישע אינסטיטוציעס אויף דער נאָרער וועלט.

2

מיר האבן פריער דערמאָנט אזעלכע ריין־יידיש־וועלטלעכע אָרגאניזאציעס, ווי דער „יידישן קולטור קאָנגרעס״, „איווא״ און אנדערע אינסטיטוציעס, וואס האָבן — מוז מען מודה זיין — אויפגעטאָן גאר גרויסע זאכן, ארויסגעבנדיק א צאָל זייער ווערטפולע יידישע ביכער, לעקסיקאָנען און ענציקלאָפעדיעס, וואס אן דער מיטהילף פון די שילומים־געלטער וואָלטן זיי נישט געווען דערשינען, ווייל מיר האָבן נישט, צום באדויערן, די אזוי־גערופנע „יידיש־וועלטלעכע״ מעצענאטן, מיטן אויסנאַם פון יחידים, וואס זאלן ארויסווייזן זייער ברייט

„יידיש־וועלטלעך הארץ״, פאר אזעלכע וויכטיקע צוועקן, ווי עס איז די יידישע קולטור.

אויפן רעליגיעזן פעלד זענען יאָ פאראן די געהעריקע מעצענאטן, וואס אונטערשטיצן די יידיש־רעליגיעזע מסודות. אבער ווען ס׳איז געקומען צו „נעמען״, האבן זייערע רעליגיעזע אָרגאניזאציעס אויסגעשטרעקט א האנט און באקומען נישקשהדיקע געלט־אונטערשטיצונגען אויפצובויען אין לאָנדאָן, למשל, פראַכטיקע שולן, בתי־מדרשים, חדרים און ישיבות.

ווילן מיר טאקע א פרעג טאָן די שאלה:

— פארוואס האבן די יידיש־וועלטלעכע קולטור־אינסטיטוציעס אין לאנדאן נישט באקומען קיין פרוטה אחת פון די דאָזיקע שילומים? אויב דער יידישער קולטור־קאָנגרעס אין אמעריקע האָט גע׳כשרט דאָס „נעמען״, פארוואס — זשע זאל א לאנדאנער יידישע וואכנצייטונג (אונטער א געזעלשאַפטלעכער השגחה, פארשטייט זיך אָדער אַ יידישער חודש־זשורנאל (וואס מאטערן זיך שווער און ביטער פאר זייער עקזיסטענץ), נישט באקומען קיין פרוטה סובסידיע? נעמען מיר אָן, אז די דאזיקע צוויי לאנדאנער יידישע אויסגאבעס וועלן, צוליב מאטעריעלע סיבות, אונטערגיין, חס־וחלילה, וועט די „פרינציפיעלע ליניע״ פון די „נישט־נעמער״ זיין יאָ אויסגעהאלטן, און ווען זיי זאָלן יאָ באקומען א געוויסע סובסידיע, וועט די „ליניע״ זיין א טריפהנע?

לאָגיק, רבותי, אביסלע יידישע לאָגיק!

23 יידישע וועלט־ארגאניזאציעס זענען, מאראליש, כשר־וישר, ווען זיי באקומען צוגעטיילט חלקים פון די שילומים. אבער ווען א יידישע צייטונג און א זשורנאל וואלטן באקומען א מינימאלן שיריים פון דעם רחבותדיקן שילומים־טיש, וואלט געווען א לאָך אין הימל? ווען מיר, יידישיסטישע יידן, וואלטן געווען באקומען א געהעריקע סובסידיע פאר א יידישן פאָלקס־הויז — ווי די רעליגיעזע יידן האבן באקומען פאר זייערע אינסטיטוציעס, — וואלט געווען אן אומגליק?

— — — — —

אונדז איז באקאנט, אז ווען דער באקאנטער בונדישער עסקן, יעקב פאַט, איז געווען אויף דער לאנדאנער „קליימס קאָנפערענץ״, ווי א פארשטייער פון „יידישן קולטור־קאנגרעס״ אין אמעריקע, איז ער פשוט פארמאטערט געווארן פון א צאל מענטשן, וואס האבן אים געשטעלט דיזעלבע שאלות, ווי עס פארמולירט זיי דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות. איך ווייס נישט, וואס עס וועט ארויסקומען פון די אים געמאכטע פאָרשלאגן. אבער איינס איז פאר מיר יאָ קלאר דהיינו:

ווען עס וואלט געשאפן געווען א געהעריקע רעפרעזענטאנץ מצד די לאנדאנער יידישע קולטור־טוער, וואלטן מיר, אן שום ספק, געקאנט דערגרייכן אן ענלעכן רעזולטאט, ווי עס האבן דערגרייכט, נאך מיט יארן צוריק, די פארשיידנע, יידיש־רעליגיעזע און יאהודישע ארגאניזאציעס אין ענגלאנד. מיר



וואלטן געהאט א יידיש פאלקס־הויז, פארבונדן מיט א טעאטער און קאנצערט־זאל; עס וואלט געווען א שטענדיקע היים פאר אונדזערע יידישע קולטור־פאראנשטאלטונגען. די מערכה פון דער היגער יידישער וואכנצייטונג און חודש־זשורנאל, וואלט געווען א בעסערע, ווי זי איז איצט...

די חשובע לייענער פון די שורות מוזן נישט מסכים זיין צו אלץ, וואס ווערט דא פארמולירט, אויבערפלאכלעך, ווי א פאָרשלאג. אבער איך מיין, אז מיר דארפן זיך פארטראכטן וועגן דעם ענין און שאפן א קאמיטעט פון יידישע קולטור־מענטשן, וואס זאָלן פעסטשטעלן די ראשי־פרקים פאר אונדזערע פאָדערונגען צו דער יידישער „קליימס קאנפערענץ״, ווייל מיר האבן, מאראליש און יורידיש, דיזעלבע בארעכטיקונג צו באקומען אונדזער חלק, ווי עס האבן די 23 יידישע וועלט־ארגאניזאציעס.

ס׳איז אביסל שפעט־אבער נאך נישט צו־שפעט!

מיר האבן 10 יאר צייט זיך גע׳פלפלט מיט פראזן, וואס האבן איצט, אין אָנבליק פון דער צייט, פארלוירן זייער ממשות.

מיר טארן נישט שטיין מן־הצד און לאָזן אונטערגיין א יידישע צייטונג און א יידישן חודש זשורנאל, צוליב דער קליינער, אין צאל, פרינציפיעלע קעגנער פון די שילומים, ווייל, ווי זאָגט א יידיש ווערטל:

„דער רבי מעג, פארוואס זאלן מיר נישט טאָרן?״

### אברהם קירשענבוים רעדאגירט מאיר צעלניקער
תל־אביב

## „דער מלאך המות״

ס׳איז געווען די ערשטע סדר נאכט פון יאר 1944, און טשענסטאכאווער ארבעטס לאגער מיטן נאמען „האסאג״. מיר! די נאר וואס אנגעקומענע פון לאדזשער געטא — א גרופע פון 630 מענטשן, זיינען אריינגעווארפן געווארן און באראק נומער 2. ווייל דער באראק נומער 1 איז שוין געווען פון פריהער מיט 7 חדשים באוווינט פון 500 יידן פון א שטעטל פלאשעוו ביי קראקעוו. אט די יידן פון באראק נומער 1 האבן איבערגענומען די ממשלה און לאגער. זיי האבן צווישן זיך איינגעטיילט די פונקציעס פון יידן עלטעסטן, פאליציי קאמאנדאנט, וויצע קאמאנדאנט, פאליצייניקעס. קוכערס, שטובן עלטעסטע, פארארבעטער, און סתם „דעה זאגער׳ס״. אט די אלע זיינען געווען די שטארקע — לגבאי אונז — נאר וואס געקומענע. זיי האבן אונז באטיטלט מיטן נאמען „מאנגאלן״. ראשית! האבן זיי אונז גוט צעשלאגן, און ווער ס׳האט געטראגן אויף זיך א לייטישן בגד, א פאר גאנצע הויזן, אדער שיך, א גאנץ העמד, דאס האבן זיי פון אונז באלד צוגענומען, און אויף דעם איבערבלייבעכץ וואס איז געבליבן הענגען אויף אונזערע צעשלאגענע גופים, האבן זיי מיט א ווייסע אויל פארב אנגעשמירט ווייסע ברייטע פאסן, שטרייפן... איבערנאכט האבן מיר אויסגעזען ווי אמת׳ע מאנגאלן — ארעסטאנטן, און זיי! אנגעטאענע און אונדזערע בגדים האבן אויסגעזען קעגן אונז ווי די גראפן, און געהערשט איבער

אונז מיט אייזערנע ריטער. און אונדז געשלאגן פאר יעדער קלייניקייט, איין קליינע זאך איז נאר געווען וואס האט ניט געמאכט קיין אונטערשייד צווישן זיי — און אונדז! דאס איז געווען א 4 עקיק בלעכל מיט א נומער . . . וואס יעדער יודע אן אויסנאם האט געמוזט טראגן אויף זיין ברוסט — לויטן באפעל פונם דייטשן לאגער פירער מיטן כשרן נאמען באטענשלאַגער. אויף מיין ברוסט האט זיך געבאמבלט דאס בלעכל מיט נומער 520. דער באראק! איז א געוועזענע שטאל פאר פערד. איצטער איז עס פארוואנדלט געווארן פאר א יודן שטאל״ . . . אין וועלכן סע געפונען זיך 630 מאנגאלן, און 80 פונקציאנארן — וועלכע שלאפן אויף שטרויענע זעק.

און מיר די מאנגאלן שלאפן אויף הארטע קרומע ברעטער. זיי באקומען פיר פאכיק צו עסן כדי צו פארהיטן אנ־אויפשטאנד מ׳צד די בעולטע מאנגאלן״. אין צענטער פון דער שטאל זיינען געשטאנען צוויי לאנגע בענק — מיט א לאנגן טיש ביי וועלכן ס׳איז געזעסן דער שטובן עלטעסטער. א ייד פון א יאר 40. א הויכער, מיט ברייטע פלייצעס, באוואקסן ווי א בער. מיט א קאפ ווי פון אן אקס. מיט א רויטן קארק וועלכער קנייטשט זיך און דריי קאנטרא־פאלדן, און שוויצט ביים עסן די זופ פון עמער וואס דער קוכער קאכט ספעציעל פאר אים, און עסן עסט ער 24 שעה און מעת־לעת. אחוץ די פמליה, האט קיינער ניט געטארט זיצן ביי דעם הייליקן טיש. די „פמליה״ איז געווען אימת המות. אלע „אסיפות״ האבן זיי אפגעהאלטן ביי דעם טיש, אלע שטראפן פאר אונדז . . . האבן זיי אויסגעארבעט ביי דעם טיש. פאר נישט אויספירן געניי א באפעל פון דער „פמליה״ — האט מען באקומען פון 10 ביז 25 שמיץ . . .

פאר דער שמוציקער ארבעט האבן זיי אויסגעקליבן צוויי ספעציאליסטן. מומחים. דאס שמייסן פלעגט פארקומען כמעט יעדן אוונד, די פמליה האט זיך באזעצט אויף די בענק ביים גרויסן טיש, זיך גוט אנגעפרעסן מיט ברויט — און פעטן קאלבאס. פארטרונקען מיט וואדקא . . . פארויכערט פאפיראסן . . . דערנאך האט זיך אנגעפאנגען די אקציע פון שמייסן . . . די „פמליה״ האבן זיך אמוזירט — הילכיק געלאכט ווען דער געשמיסענער האט נעבעך געשריגן פאר ווייטאק . . . ווייל יעדער שמיץ — איז דערלאנגט געווארן מיט דער גענויסטער פינקטלעכקייט פון צוויי יידישע מומחים שמייסער.

ס׳האט אויך געטראפן אז די פמליה האט זיך אנגעשיכורט ביים גרויסן טיש — דאן זיינען זיי געווארן אינגאנצן אנדערע מענטשן. זיי! האבן גענומען באוויינען זייער פינסטערן גורל, באוויינען זייערע אומגעקומענע משפחות, געשאלטן די דייטשן מיט די ערגסטע קללות מיט אקסענע קולת גערעוועט . . . זעט יידן זעט . . . וואס די דייטשן האבן פון אונז געמאכט ? ? . . . געהאלדזט און געקושט צענדליקער „מאנגאלן״. געגעבן זיי צו עסן ווייס ברויט מיט קאלבאס — און צו טרינקען וואדקא וויפל זייער הארץ האט נאר געגליסט. צווישן די געקליבענע „מאנגאלן״ וואס האבן גענאסן פון דעם גרויסן חסד ביי דער „מפליה״, איז געווען מיינער א באקאנטער פון לאדזשער יידישן טעא־



טער מיטן נאמען „לייזער קאפיטע״. א פנים דערפאר ווייל פון פאך איז ער געווען א שוסטער, און אין טעאטער איז ער געווען א בילעטער. אט דער לייזער קאפיטע האט אויסגענוצט דעם מאמענט פון די „פמליה״ס חרטה, און געבעטן אן ארבעטס פלאץ אין שוסטער־ווארקשטאט. זיין בקשה איז דערפילט געווארן, ער האט פארנומען דעם אויבן־אן ביי דער שוסטעריי. און געווארן א גאנצער „שמעלקע״ מיט די „פמליה״ — און שוין געמעגט זיצן ביים לאנגן טיש צעזאמען מיט די גדולים פון באראק נומער 2. ס׳איז געווען בערך 9.30 אוונט. מיר אלע ליגן אויף די הילצערנע פריטשעס אין דער שטאל וואס הייסט באראק נומער 2. די ליכט איז אויסגעלאשן, בלויז א קליין לעמפל ברענט איבערן לאנגן טיש ביי וועלכן סע זיצט דער שטובן־עלטעסטער — און באַארבעט אגאנצן עמער געקעכץ וועלכן ער אליין האט זיך געבראכט פון דער קוך. ס׳האט געהייסן אז מיר אלע „מאנגאלן״ שלאפן. אינדער׳אמתן איז קיינער פון אונדז ניט געשלאפן, צוליב צוויי טעמים, ערשטנס! דעם שטובן־עלטעסטנס קנאקן מיט זיינע פערדישע ציינער און תאוה׳דיקע עסן — וועלכעס האט גערייצט אונזערע שטארק הונגעריקע מאגנס, צווייטנס! יעדער פון אונדז האט געוווסט אז היינט איז די ערשטע סדר נאכט. אין מיין זכרון שווימט אויף א בילד פון א סדר נאכט אין לאדזש מיט טאטע מאמע — מיטן גאנצן בני־בית. דער מוזינעק זאגט מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות . . . פלוצלינג ווי דורך א דינער פראלט זיך אויף די טיר און עס לויפן ארייין די גאנצע „פמליה״ מיט פריילעכע אויסגעשרייען און מיט פעק אין די הענט, לויפן צו צום לאנגן טיש. גיסן אויס אויף דער ערד דעם עמער מיט זופ וואס דער שטובן עלטסטער האט געהאלטן אין מיטן עסן . . . צונדן אן אלע ליכט אינם באראק, און דער קאמאנדאנט גיט א געשריי אויפן הויכן קול, יידן!! זייט וויסן אז היינט איז פסח! היינט איז די ערשטע סדר נאכט! שלאפט נישט! ליגט וואך אויף אייערע ערטער — און זעט ווי מיר פראווען א סדר! זיי האבן טאקי דעם סדר געפראוועט. נישט מיט אלע כללים, אוודאי נישט מיט אלע פרטים, אבער זיי האבן געפראוועט . . . זיי האבן אויסגעשפרייט אויפן לאנגן טיש ווייסע ליילעכער. אנגעצינדן ליכט ארייינגעשטעקט אין קארטאפלעס, ארויסגעשטעלט אויפן טיש א גרויסן „סלאי מיט זאלץ וואסער״ א גרויסע שיסל מיט גאקאכטע אייער, עטלעכע פלעשער בראנפן (ספירט פינף און נייינציקער) און אחרון אחרון מצות!! וואס האבן אויסגעזען ווי מצה שמירה. מיט גרויס איבערראשונג האב איך געטראכט, ווו האבן זיי גענומען די מצות? שפעטער האב איך זיך דערוווסט אז זיי האבן די מצות אליין געבאקן אין דער קיך . . . א בחור האט געזאגט די גאנצע הגדה אויף אויסנווייניק מיט אזוי פיל ברען — און התלהבות אז עס איז מיר פארגאנגען ביים הארצן און קוואלן טרערן האבן זיך געגאסן פון מיינע אויגן. דעם הגדה זאגער האט די „פמליה״ פארגיטיקט . . . אים געגעבן אפצועסן און אים געשיקט שלאפן. גלייכצייטיק האבן זיי אויפגעוועקט א צווייטן בחור ער זאל פאר זיי פריילעך מאכן, דער בחור נישט טויט — נישט לעבעדיק זינגט עפעס „מאדנע לידלעך״ . . . באמיט זיך מיט אלע כוחות צו מאכן די „פמליה״

פריילעך, ער מאכט קאמיש, מאכט טראגיש, שטעלט זיך אויפן קאפ, גייט אויף די הענט, ער טוט וואס מען הייסט אים. די „פמליה" אמוזירט זיך, זיי ווארפן אים צו עפעס צו עסן. דערנאך האט ער באקומען גוט־ברודעריש א קאפיע פון א שפיציקן שטיוול אין הינטערשטן חלק . . . און ארויסגעווארפן. א פאליציייניק ברענגט צו שלעפן א נייעם קרבן . . . וואס זעט אויס אינגאנצן ווי א „סקעלעט" קוים וואס ער האלט זיך אויף זיינע שוואכע פיס, קוקט אין אלע זייטן מיט צוויי גרויסע אויסגעלאשענע אויגן ווי איינער פרעגט, וואס ווילט איר פון מיר? דער קאמאנדאנט גיט א געשריי, זינג עפעס פאר אונז!! דער סקעלעט ציטערט . . . זיין דארער קערפער ווארפט זיך פאר שרעק, זיינע ליפן באוועגן זיך ווי ער וואלט וועלן עפעס זאגן אדער אפשר זינגען . . . נאר קיין קול הערט מען ניט, די „פמליה" לאכט צעזעצטערהייט — קוקנדיק אויף אים. אויב דו קאנסט ניט זינגען. זאגט דער קאמאנדאנט — טאנץ! און טאנצן וועסטו אזוי לאנג ביז מיר וועלן זאגן גענוג. די „פמליה" האט געפאטשט מיט די הענט און דער סקעלעט איז אומגעלומפערט געשפרונגען אזוי לאנג, ביז ס׳זיינען פון אים אראפגעפאלן די שמאטעס, וואס האבן געהאנגען אויף זיין אויסגעדארטן גוף . . . די „פמליה" ברעכט אויס א ווילדן געלעכטער!

אומבאמערקט קריכט ארויס פון זיין פריטשע לייזער קאפיטע, שארט זיך צו צום שיכורן קאמאנדאנט און רוימט אים עפעס איין אויפן אויער ווי א סוד. דער קאמאנדאנט גיט פלוצלינג א געשריי, „מאנגאל" נומער 520 זאל זיך די מינוט מעלדן צו מיר. איך ליג אויף דער פרוטשע און פיל ווי אלע מיינע אברים הויבן אן ציטערן. 520 איז מיין נומער. דאס הייסט ער מיינט מיך. וואס וויל דער שיכור׳ער קאמאנדאנט פון מיר? איך רעד ניט מיט קיינעם, איך טשעפע נישט קיינעם, דער קאמאנדאנט קאן דאך מיך אפילו ניט? ווידער שרייט דער קאמאנדאנט, וואס דויערט עס אזוי לאנג? ווו איז דער „מאנגאל" נומער 520? אפשר וויל ער צום ערשטן סדר פארזוכן דעם טעם פון 25 שמיץ? חברה ברענגט אים א הער, איך זע ווי לייזער קאפיטע. מיטן שטובן עלטעסטן און די צוויי מומחים שמייסער רוקן זיך צו מיין פריטשע. און פיר הענט ווי אייזערנע צוואנגען כאפן אן מיינע פיס און שלעפן מיך אראפ פון מיין פריטשע אויף דער ערד מיט אזא רציחה . . . ס׳איז ניסים וואס איך האב זיך ניט צעשיט . . . נאר אפגעקומען מיט א צעבלוטיקטן ווונד הינטערן רעכטן אויער — וואס האט מיך געמאכט אויסזען ווי א קרבן פסח. אין אזא מעמד האט מען מיך פארגעשטעלט פאר דער „פמליה" מיטן קאמענדאנט בראש. דער קאמאנדאנט מעסט מיך אפ פון קאפ ביז פיס קוקט זיך איבער מיט דער „פמליה" — כאפט א בליק אויפן שמייכלדיקן לייזער קאפיטע, באקוקט מיך נאך א מאל, שטעלט פעסט אז דאס בלעכל מיטן נומער 520 האלט זיך פעסט אויף מיין ברוסט, און פרעגט ביי לייזער קאפיטע, אט דער . . . איז אן אקטיאר? יא, כ׳זאל אזוי לעבן. ענטפערט לייזער קאפיטע. דו וועסט שוין ביי מיר לעבן . . . זאגט זיך קאלט דער קאמאנדאנט, און צו מיר זאגט ער וואש זיך ארום פון בלוט, און זעץ זיך דא אוועק ביים טיש וועסטו זען א שיין טעאטער, און ער ווענדעט זיך צו דער „פמליה" בזה הלשון,



חברה! וואס קומט אזא איינעם וואס זאגט ליגן? רופט זיך אפ דער הויפט קוכער, פאר זאגן ליגן קומט 25 שמיץ ווי די בערן . . .

שמייסן שרייט די גאנצע „פמליה", לייזער! האסט געהערט וואס חברה האט געפסק׳ינט? פרעגט דער קאמאנדאנט, לייג זיך אליין וועסטו באקומען בלויז 20 שמיץ. לייזער קאפיטע שטייט ווי פארגליווערט פאר שרעק. ער הויבט אן שטאמלען . . . הער קאמאנדאנט איך האב ניט געזאגט קיין ליגן . . . שרייט דער קאָמאַנדאַנט ווילד: אַ סוף אַ סוף, וועמען ווילסטו איינרעדן אַז דאָס באַשעפעניש (ווייזנדיק אויף מיר) איז אן אקטיאר? ער איז! שרייט לייזער קאפיטע ווילד, הלוואי זאלן מיר אלע אזוי . . . פלוצלינג קריגט לייזער קאפיטע פון קאמאנדאנט א פאטש — אז עס האט אפגעהילעכט אין גאנצן באראק. איבער וועמען שווערסטו? דו האסט עפעס מיט אונדז חזרים — געפאשעט? נעמט אים — און דערלאנגט אים. די צוויי שמייסער גיבן א כאפ לייזערן, דרייען אים ארונטער זיינע הענט . . . לייזער שרייט, און איך זיץ ביים טיש ווי פארשטיינערט — ס׳איז נישט קיין וויץ, מ׳גייט שמייסן לייזער קאפיטע! לייזער קאפיטע איז נישט קיין מפיל קינד, ער האט נאך כוח זיך צו געבן א ריס צו צום טיש ווו איך בין געזעסן, מיטשלעפנדיק מיט זיך די צוויי „שמייסער", און מיט שוים אויף די ליפן מיך געפרעגט, און דו וועסט קענען צו זען ווי מ׳שמייסט מיך דערפאר ווייל איך האב געזאגט, אז דו ביזט אן אקטיאר? און געקוקט אויף מיר מיט בלוט פארלאפענע אויגן ווי א חיה. מיט איבערנאטירלעכע כוחות האב איך זיך אויפגעשטעלט און געזאגט, שמייסט אים ניט . . . ער האט אייך קיין ליגן ניט געזאגט, איך . . . בין . . . אן אקטיאר . . .

ס׳איז מיר געווארן טונקל פאר די אויגן. טונקעלער . . . ביז אינגאנצן פינסטער . . .

ווען איך האב געעפנט די אויגן איז ביי מיר געשטאנען לייזער קאפיטע א פארדעגה"טער פון איין זייט. אין דער קאמאנדאנט פון דער צווייטער זייט — רייבנדיק מיינע שלייפן מיט בראנפן. כ׳האב אים דערמינטערט האט געזאגט דער קאמאנדאנט, גיט אים עפעס צו עסן וועט ער זיך דערכאפן. ער זעט דאך אויס ווי א „מוזעלמאן". ער זעט אויס צו זיין אן איידעלער יאט, זאגט איינער פון די קוכער, מ׳דארף אזא איינעם פאדיערזשעווען. וויניקער גערעדט, און מער געטאן, שרייט דער קאמאנדאנט, נעמט אים צו טיש און מאכט אים זאט.

זיי האבן מיר באלד דערלאנגט הארטע אייער מיט מצות, און פארטרונקען מיט צוויי טעפלעך ווארעמע מילך וואס איין קוכער האט ספעציעל צוגעגרייט פאר מיר. נאך דער זאטער סעודה רופט זיך אפ צו מיר לייזער קאפיטע, איצטער גיב פאר זיי עפעס אשטיקל, ווייז זיי אז דו ביזט אן אקטיאר. דו זעסט דאך אז זיי ווארטן, פארשעם ניט די לאדזשער, באווייז אז מיר קאנען אויך עפעס. איך האב פארשטאנען אז איצט מוז איך עפעס דערלאנגען אזעלכעס — וואס זאל דעצידירן אויף ווייטער. די פראגע איז וואס? וואס דערלאנגט מען ס׳זאל די „פמליה" צופרידן שטעלן? ס׳זאל צו זיי דערגיין? איך האב צוגעמאכט מיינע אויגן און געזוכט אין מיין געדעכעניש עפעס א זעלכעס וואס זאל לכל

הפהות פאסן פאר זיי. די „גאנצע „פמליה״ איז געזעסן רואיק, ווען איך האב זיך אויפגעשטעלט און געמאלדן טעאטערמעסיק! איך וועל פאר אייך רעציטירן א הומארעסטקע געשריבן פון מיין פארשטארבענעם חבר שמעון יאנאווסקי ע״ה״. אונטערן נאמען דער סטרייק פון „מלאך המות״.

כ׳האב זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן און גענומען דערלאנגען מיטן גאנצן ברען און פייער . . .! בעת׳ן רעציטירן האט קיינער פון די „פמליה״ אפילו קיין שמייכל ניט געגעבן. גלייך ווי זיי וואלטן אלע געשלאפן, איך בין געווען זיכער אז ס׳איז צו זיי נישט דערגאנגען. נאכן ענדיקן האבן זיי מיר שטארק אפלאדירט, אין געדרוקט מיין האנט. ס׳איז שוין געווען קרוב 2 א זייגער פארטאג, אלע האבן זיך צעלייגט אויף די פריטשעס — אויסגעלאשן די ליכט — און די ערשטע סדר נאכט האט זיך געענדיקט.

אין פרימארגן הער איך, ווי אין חלום: מלאך המות . . . מלאך המות . . . איך פיל ווי מען שלעפט מיך ביי א פוס, איך מאך אויף די אויגן זע איך דעם שטובן עלטעסטן שטיין נעבן מיין פריטש. ער וועקט מיך — און רופט מיך מלאך המות . . . ער דערלאנגט מיר א שיין רעקל און זאגט צו מיר: הער מלאך המות! אין א שעה ארום זאלסטו זיך מעלדן ביים „יודן עלטעסטן״ פוץ זיך אביסל אויס — רייניק זיך ארום זאלסט אויסזען ווי אשטיקל מענטש, אין גיט מיר גוט ברודעריש א לייכטן קלאפ אין פלייצע — א ווינק מיטן אויג — און ווערט נעלם.

דער יודן עלטעסטער וווינט אין א הדר מיוחד צווישןביידע באראקן. צו דער באשטימטער צייט קלאפ איך אן אין טיר מיט גרויס דרך ארץ . . . אַ קלייניקייט? דער יודן עלטסטער! איך הער אַ קול, זאָגט: אַריין. אן אויסגעפוצטער אין נייעם רעקל דערשיין איך צום ערשטן מאל פארן „יודן עלטעסטן״ ארומגערינגלט מיט זיין „סוויטע״ וואס זיינען א טייל פון דער שוין דערמאנטער „פמליה״ וועלכע באגריסן מיך מיטן . . . אה . . . אט איז דאך דער מלאך המות! פאר שרעק האב איך פארגעסן צו זאגן, גוט מארגן. דאס ערשטע ווארט נעמט דער קאמאנדאנט. הער „מלאך המות״ מ׳האט דיך גערופן א הער זאלסט זאגן דאס נעכטיקע שטיקל פארן „יודן עלטעסטן״ . . . דער יודן עלטעסטער — א מענטש פון עטלעכע פופציק מיט אן אינטיליגענטן אויסזען, איידעלע מאניערן, און רעדט א פערפעקטן דייטש, זיצט זיך געמיטלעך — און מאכט א לייכטע באוועגונג מיט זיין רעכטע האנד צו מיר — ווי איינער זאגט — לאמיך הערן, איך האב זיך אנגענומען מיט מוט און דערלאנגט! בעת׳ן רעציטירן האב איך באמערקט א גרויסע ענדערונג פון נעכטן, די „פמליה״ האט געשלונגען יעדעס ווארט וואס איז ארויס פון מיין מויל, דער „יודן עלטעסטער״ האט פארקנייטשט זיין שטערן און נאכגעפאלגט מיט זיין בליק יעדע באוועגונג און אויסדרוק אויף מיין פנים, איך האב באמערקט אין זיינע מויל ווינקלען א לייכטן שמייכל. נו — אז דער רבי אליין שמייכלט — מוזן שוין די חסידים מיטשמייכלען . . . נאכן ענדיקן נעמט דער קאמאנדאנט ווי אלע מאל דאס ערשטע ווארט. נו? וואס זאגט איר צו דעם מלאך המות? „דער מאן איזט איין



קינסטלער״ האט דער יודן עלטעסטער קורץ געענטפערט. קינצלער — שמינצלער, האט דער קאמאנדאנט זיך אפגערופן, עך פארשטיי מעך נישט אויף די זאכן, איינס ווייס עך, דער מלאך המות איז א גוט שטיקל! און גלייך געגעבן א באפעל חברה נישט באלעמיטשעט . . . צו דער ארבעט געגאנגען. ארויסגייענדיק נעמט ער מיך אן ביים ארבל פונ׳ם נייעם רעקל און זאגט צו מיר בזה הלשון! הער מעך אויס מלאך המות. אז דו קאנסט זאגן א זוינע שטיקלעך . . . וועט דיר זיין גוט. אלע וועלן דיך אוואזשען, סעט דיר גארניט פעלן. אינדרויסן זיינען געשטאנען אלע לאגער יידן אין גרופעס גרייט צו גיין צו דער ארבעט. אונטער די קאמאנדעס פון זייערע „קאפאס״, האט דער קאמאנדאנט געגעבן א געשריי מיט זיין הויכן קול: „אכטונג מאנגאלן״, איר זעט דעם מאנגאל? אנווייזנדיק אויף מיר . . . ער איז א . . . מלאך המות . . . א גוטער מלאך המות. און ווער ס׳וועט וואגן זיך טשעפען צו אים — וועט פארשעלטן יעדע מינוט וואס ער לעבט נאך . . .

איך האב געקוקט אויפן קאמאנדאנט מיט די גרויסע שווארצע וואנצעס — וועלכער טיילט שמיץ אויף רעכטס און לינקס און געטראכט צי איז אין דער אמת׳ן צו „אים״ דערגאנגען די הומארעסטקע וועלכע איך האב פאר זיי רעציטירט? אדער אפשר האט מיין פארשטארבענער חבר, דער מחבר אליין, זיך פאר מיר געמיט? איך בין געגאנגען צו מיין צוגעטיילטער ארבעט א געקרוינטער מיטן נאמען מלאך המות! . . .

## עלע זילבערג

## ווארט ניט פון לעבן

(געווידמעט מיין טייערן פלעמניק דוד׳ל צו זיין בר־מצוה)

1

ווארט ניט אין לעבן,
צו קריגן מתנות.
האסט דו געגעבן,
ווארט ניט אויף שכר,
די וועלט וועט נעמען
פון דיר וואס נאר מעגלעך,
און אפטמאלס באצאלן,
מיט בייזקייט און צער.

2

גיב ניט ווייל דו ווילסט זיך
גן־עדן איינקויפן,
טראכט ניט פון מצוות,
אויב דו העלפסט אויס אין נויט,
דו וועסט דיין גן־עדן,
אין בעטלער געפינען,
ווען דו האסט געזעטיגט,
מיט א שטיקעלע ברויט.

3

טריקן די טרערן,
פון יתומלעך קינדער,
פארוויינטע הערצער,
מיט ליבע פארהייל,
עס גיט נאר איין לעבן,
פאר ארעם און רייכע,
העלף קעמפפן אז יעדער,
זאַל קריגן זיין טייל.

## יוסף לעפּטוויטש

### יצחק ראזנבערג

מיר דוכט זיך, ווען איך טראכט
ווי דו ביזט דארט געפאלן אין שלאכט,
אז ס'איז א צופאל נאר געווען —
צו קליין דיין גוף אז מ'זאל דיך זען.
און גאט, זייענדיק מיד גראד דאן,
האט געקוקט בלויז אויף דעם קליינעם מאן,
פארזען דעם גרויסן גייסט, און האט
געלאזט דיך פאלן, פול מיט ליכט,
איידער דיין הימעל האסט דערגרייכט.
און אויסגעלאשן האט דיך גאט.

## משה בעקערמאן

### א פאר הענטשקעס

אין איינעם אן אוונט, ווען די מערסטע מענטשן שפאצירן נאכן שווערן מאלצייט, וואס זיי האבן נארוואס פארשלונגען, און די בענק זענען ווייניק באזעצט, האב איך באלד נאך דעם ווי אן אלט פאר־פאלק האט זיך פון דער באנק אויפגעשטעלט באמערקט א פאר הענטשקעס. מאמענטאל האב איך געוואלט אויסשרייען: „אייערע הענטשקעס"! איך האב זיך אבער גלייך פארכאפט. איך האב א טראכט געטון: וואס וועט זיין, אז דאס פאר־פאלק וועט זיך גארנישט אומקוקן און א מאסע קעפ וועלן אנשטעלן זייערע אויגן אויף מיר און אפשר נאך מיט פארדאכט? וואס עפעס אינמיטן דרינען מאכט ער אזא לארם צווישן די שטילע שפאצירנדיקע? מענטשן זענען דאך בטבע גרייט אויסצולייגן צום שלעכטן . . . און אפשר זענען גאר די הענטשקעס נישט זייערע? און אויב יא, טא ווער האט זיי געהייסן אויפהענגען אויפן רוקן פון דער באנק, אז בלויז איין הענטשקע זאל זיך ווייזן פארן פובליקום און די צווייטע זאל אריבערהענגען פון דער אנדערער זייט? און ווער האט זיי בכלל געהייסן פארגעסן אין זיי? קיין ראמאנטיש פארל זענען זיי דאך זיכער נישט געווען, ווייל וועלכעס פארליבטע פארל שפאצירט עס איינס הינטערן דעם אנדערן, סיידן מען צעקריגט זיך. אבער אין אזא פאל וועט איר אלעמאל באמערקן, אז דאס מיידל גייט אין כעס פארויס און דער בחור וויל אדער וויל נישט זי דעריאגן. אבער דא איז דאך געווען פארקערט די מעשה. ער איז, נעבעך, קוים געגאנגען מיט א שטעקן פארויס און זי איז אים נאכגעקראכן מיט א צווייטן שטעקן.

בין איך, מיט א ריין געוויסן, געקומען צום באשלוס, אז נישט אנדערש נאר עמיצער האט די הענטשקעס בכוונה איבערגעלאזט אויף דער באנק, פונקט ווי מען לאזט אמאל איבער א ממזר אויף די טרעפ פון א קירכע . . . און בין געבליבן זיצן אויף דער באנק אביסל אין א זייט.



אליין לאקאמע איך זיך נישט אויף אזעלכע מציאות, און דאך האב איך געפילט אביסל פאראנטווארטלעכקייט פאר די הענטשקעס. איך האב זיך פלוצלונג געפונען אין דער ראלע פון א „זיצערין"; איינע, וואס גיט אכטונג אויף א קינד בשעת די עלטערן גייען פארברענגען ערגעץ אין אוונט. טאקע אמת, אז קיינער הייסט מיך נישט זיצן און אכטונג געבן אויף זיי, אבער ווי קען מען דאס איבערלאזן א פאר הענטשקעס גלאט אזוי אויף הפקר? אחוץ אלעם, האט זיך מיר שוין אויך געוואלט זען וויאזוי די פארבייגייער וועלן רעאגירן.

איידער איך האב זיך אריענטירט אין מיין נייער ראלע פון אפוטרופוס איז מיין באנק געווארן דער צענטער פון אינטערעס פאר די שפאצירנדיקע. די הענטשקע האט מיט א מאגנעטישער קראפט געצויגן צו זיך די בליקן פון די פארבייגייער און אין יעדן בליק איז געלעגן פארבארגן א באזונדער ווילדער פארלאנג צו שליסן באקאנטשאפט מיט די הענטשקעס. אט גייען פארביי צוויי אויסגעדארטע דאמען, וואס אויבערפלעכלעך צייגן זייערע פנימער נישט קיין ברעקל פארדאכט אויף שלעכטע מחשבות. און ווי נאר זיי קומען נענטער צו מיין באנק און באמערקן די הענטשקעס, ענדערט זיך אויטאמאטיש דער אויסדרוק אין זייערע בליקן. איר קענט ממש הערן ווי אן אינערלעכע שטימע רעדט ארויס פון זיי מיט פארדרוס: „א שאד וואס דער חברהמאן זיצט אויף דער באנק" . . .

די גרופע אויסגעפאשעטע, סקאנדינאווישע מיידן האבן דערזעען די הענטשקעס נאך פון דער ווייטן. לויט זייערע לאכנדיקע אויגן האב איך דערפילט זייער בייזן געדאנק, אז דאס אמוזירן זיי זיך מיט א געפלאנעוועטן אנפאל אויף די הענטשקעס. פון זייער הויכן געשפרעך אין זייער לשון, וואס קלינגט ווי פון מיילער מיט הייסע קליסקעס האב איך זיך משער געווען, אז דאס דיסקוסירן זיי די פראגע פון מאכן דעם „אטענטאט". טראגעדיע איז אבער געלעגן אין זייערע קאלטע אויגן ווען זיי האבן פארבייגעשלייכט, ווי נארדישע אייז־בערג, אן א בליק צו ווארפן אין מיין ריכטונג. די ריזיקע אפגעשיקט צו ווערן מיטן עטאפ איבער א פאר אומבאקאנטע הענטשקעס איז, אפנים, געווען צו גרויס פאר זיי. און אפילו דער הויכער מאן, וואס האט אראפגענידערט צו זיין באגלייטערין, האט אויך נישט פארפעלט צו ווארפן א בליק אויף די הענטשקעס. ס'קען זיין, אז ווען דער זעלבער מאן וואלט געהאט א גלייכן רוקן, וואלט ער פון זיין גיגאנטישער הייך גארנישט באמערקט. האט אים אבער די נאטור געשטראפט מיט אן איינגעבויגענעם רוקן און געבענטשט מיט א נידעריקער דאמע פאר באקוועמלעכקייט. ער האט נישט פארפעלט אנצוזאגן איר די גוטע בשורה. זי האט געמאכט דעם אנשטעל, אז זי קוקט נישט אויף די הענטשקעס, אבער נישט מיך האט זי געקענט אפנארן! איר שנעלער, זייטיקער בליק האט רעאגירט, ווי זי וואלט דערזעען א נאקעטן. זי האט מיט אזא אימפעט צוריקגעדרייט איר קאפ, אז איך האב דערווארט אן ערנסטן צוזאמענשטויס פון צוויי נעזער, וואס האט בלויז דורך א נס נישט פאסירט.

איך האב ענדלעך באשלאסן איבערצולאזן די הענטשקעס אויף גאטס

באראט און מענטשלעכן יושר און אויעקשפאצירט.

און ווי דאס הארץ האט מיר געזאגט, מיט פופצן מינוט שפעטער, פארבייגייענדיק די זעלבע באנק, האבן נאך מענטשן געמיטלעך ארומשפאצירט מיט די זעלבע אומשולדיקע פנימער. אבער פון די הענטשקעס איז שוין אפילו קיין זכר נישט געבליבן.

**מנחם קוטנער** תל־אביב

## פאר וואס ?

„פאר וואס" האסטו געטאן א פרעג :
זיינען אויף יידיש דיינע לידער אנדערש,
דיין געזאנג א שטילערער — ווי אפגעשוואכט
ווי אפגעוואנדערט ?
כ'וועל דיר זאגן טייער קינד, כ'בין געלאפן
און געשטורעמט זיך
דורך פרעמדע טירן, פענסטער — ווי א ווינט —
כ'האב זיך דורכגערויכט דורך קוימענס
פון שנעל לויפנדיקע באַנען
אויף אן אומבאוווסטן וויסט פעלד.
איצט — צוריק אין מיין שטוב.
קאן איך נאר קוים־וואס עטעמען דעם שטילן קלאנג
פון באלד פארגעסענע געזאנגען.

**י. ריכטיגער**

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### דער קולט פון לעבן אדער דער קולט פון טויט

שלמה המלך זאגט אין קהלת — „כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת" : ווארום צום לעבעדיקן הונט איז ער בעסער ווי צום טויטן לייב. (קהלת ט') כדי צו דערקלערן דעם פסוק אין קהלת, ווערט אין די תלמודים און מדרשים דערציילט די ווייטער ציטירטע מעשה : דוד המלך איז נפטר געווארן אין שבועות, נים אויף זיין בעט, נאר ארונטער־גייענדיק פון זיין אויבער שטוב צום גארטן, האט זיך א שטאפל פון די שטיגן דורכגעבראכן אונטער זיינע פיס, איז ער אראפגעפאלן און געשטארבן. שבועות איז דעמאלט געווען שבת. האט שלמה המלך געפרעגט די סנהדרין — וואס זאל איך טוען, מיין פאטער ליגט דרויסן אין דער זון ? האבן אים די סנהדרין געענטפערט — א טויטן טאר מען ניט רירן פון ארט אין שבת. באפעל דעריבער דיינע דינער זיי זאלן אים באדעקן מיט א יילעך, כדי צו באשיצן זיין קערפער פון דער זון. פלוצים האבן די הינט פון דוד המלךס הויז אנגעהויבן צו בילן און וואיען, ווייל זיי זענען הונגעריק געווען. האט זיך שלמה המלך אנטשולדיקט פאר די סנהדרין, אז די באַ־



דינטע פון זיין פאטער האבן פרייטיק פארגעסן פארצוגרייטן עסן פאר די הינט און גאנצע נבלות קאן מען זיי ניט געבן צו עסן. האבן די סנהדרין געזאגט צו אים — יאג אונטער די באדינטע פון דיין פאטער, זיי זאלן גיך צעשניידן דאס פלייש און געבן די הינט צו עסן, ווייל פאר הונגעריקע בהמות מעגן מען צעשניידן דאס עסן, ווען שלמה המלך האט געהערט, אז על פי הלכה מעג ער אלעס טוען כדי אנצוזעטיקן די הונגעריקע הינט פון זיין פאטערס הויז און זיין געשטארבענעם פאטער, וואס איז געווען מלך פון ישראל, טאר ער ניט רירן פון ארט צו באשיצן אים פאר די זון, האט ער געזאגט — „כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת" . . . (שבת ל', רות רבה ג')

שלמה המלך האט אויך אנגעוויזן ווייטער אין זיין מאמר דעם מאטיוו פאר דער הלכה, ער זאגט — „כי החיים יודעים שימתו והמתים אינם יודעים מאומה ואין להם שכר כי נשכח זכרם : „וויפיל מען זאל ניט שפעקולירן צו וואס דער מענטש וויס איז אמת אדער ניט אמת, איז איינס אבסאלוט זיכער אז די לעבעדיקע וויסן זיי וועלן שטארבן און די טויטע וויסן גאר ניט, און זיי האבן ניט מער קיין באלוינונג צו פארווארטן ווייל זייער אנדענקן איז פארגעסן. (קהלת ט') איז מחמת די טויטע זענען ווי שטיינער זיי וויסן גאר ניט און פילן גאר ניט, דארף מען ניט באמיען זיך צו באשיצן זייער כבוד אין שבת. אין הסכם מיט דעם אויספיר פון קהלת האבן אלע חכמים אנגענומען אז אפילו די אבות העולם, אברהם, יצחק און יעקב וויסן גאר ניט און פילן גאר ניט. די חכמים זענען ניט אייניק צווישן זיך וועגן דעם באטייט פון דערמאנען די אבות העולם אין די תפלות, מאנכע פון זיי האלטן, אז מען בעט געהאלפן צו ווערן אין זכות פון די אבות, אבער די אבות זעלבסט וויסן גאר ניט וועגן דעם, די חכמים זאגן אויך אז בעת צרה קאן מען גיין בעטן אפילו אויף א ניט־יידישן בית הקברות, ווייל דאס גיין סימבאליזירט אז — „הרי חשובין לפניך כמתים" : קעגן אלמעכטיקן זענען מיר ווי טויטע. און מאנכע פון די חכמים האלטן, ווען מען בעט געהאלפן צו ווערן אין זכות פון די אבות, לאזט מען זיי דאס וויסן און זיי מיען זיך די תפלות זאלן אנגענומען ווערן, דעריבער בעת צרה זאל מען גיין צו א יידישן בית עולם אויף קבר אבות. (ברכות י"ח, תוספות סוטה ל"ד, תענית ט"ז) יעדנפאלס אפילו לויט די צווייטע שיטה וויסן די טויטע אליין גאר ניט און פילן גאר ניט. דאס ווייזט זיך אויך קלאר ארויס אין דער פאעזיע פון די בני קרח, האלב באגראבענע האבן זיי געפרעגט — „הלמתים תעשה פלא אם רפאים יודיך סלה ? : ווועסטו צו געשטארבענע טוען וווינדער ? אדער וועלן טויטע אויפשטיין דיך צו לויבן ? וועט דערציילט ווערן אין קבר דיין חסד ? דיין טריישאפט אין אונטערגאנג ? וועלן באוווסט ווערן אין דער פינסטערניש דיינע מעשים ? דיין גערעכטיקייט אין לאנד פון פארגעסנקייט ? . . . (תהלים פ"ח.)

צו דער מיינונג, אז טויטע וויסן גאר ניט און פילן גאר ניט, זענען די פאעטן געקומען נאכן באנעמען אז תורת משה איז א קולט פון לעבן, ניט א קולט פון טויט, דעם שכר פאר דינען דעם אלמעכטיקן פון ישראל און דעם עונש פאר

דינען די אלמעכטיקע פון פרעמדע פעלקער, ווערט לויט תורת משה באצאלט בעתן לעבן אויף די וועלט, ניט נאכן טויט אויף יענע וועלט.ביים אפשליסן די חמשה חומשי תורה האט משה רבינו געזאגט צום פאלק ישראל — „ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע": זע, פארגעלייגט האב איך היינט פאר דיר דעם קולט פון לעבן און גוטס און דעם קולט פון טויט און שלעכטס. איך באפעל דיר היינט ליב צו האבן גאט דיין אלמעכטיקן, צו גיין אין זיינע וועגן, צו היטן זיינע געבאטן, זיינע חקים און משפטים, כדי דו זאלסט לעבן, זיך מערן און גאט דיין אלמעכטיקער זאל דיך בענטשן אין דעם לאנד וואס דו קומסט אהין צו ירשנען. אויב אבער אפווענדן וועט זיך דיין הארץ, דו וועסט זיך ביקן צו אלמעכטיקע פון פרעמדע פעלקער און זיי דינען, ווארן איך דיך היינט, אז אונטערגיין וועסטו אונטערגיין, דו וועסט ניט מאריך ימים זיין אויף דער ערד וואס דו גייסט אריבער דעם ירדן צו ירשנען" . . . (דברים ל׳) ווי מען זעט האט משה רבינו געזאגט צום יידישן פאלק אז דער שכר און דער עונש ווערן באצאלט אויף די וועלט.

פאקטיש זענען טאקי די חקים און משפטים די סיבה פון דער פארגעלטיקונג אויף די וועלט, זיי זענען געגעבן געווארן צו באשיצן דעם געזונט צושטאנד און דעם שלום פון פאלק ישראל אין זיין לאנד. ווער עס האט געלערנט חומש ווייס אז אין תורת משה זענען די מצוות קלאסיפיצירט אונטער דריי פארשידענע טערמינען — אונטער „עדות, חקים ומשפטים. (דברים ו׳) די סימבאלן — מצה, שופר, סוכה און דעסגלייכן, ווי אויך די רו־טעג פון שבת און יום טוב ווערן אנגערופן עדות, ווייל מען האט זיי באפוילן אפצוהיטן, כדי זיי זאלן עדות זאגן אויף די פארגאנגענע געשעענישן וואס זענען געווען די סיבה פון צונויפבינדן די בני ישראל אין איין פאלק. די דיעטישע און היגיענישע פארשריפטן פון כשר און טרפה, טהור און טמא ווערן אנגערופן חקים: אומאויפגעקלערטע רעגלאמענטן, ווייל ניט יעדן פון זיי איז מעגלעך צו אידענטיפיצירן מיט א געוויסער שעדלעכקייט פארן קערפער אדער גייסט פון מענטש, נאר זייענדיק אז מעכטיקע פעלקער זענען פארשווינדן פון דער וועלט ארענע דורך חולאתן און מגפות, וועגן ניט האבן געווען איבערקלייבעריש מיט עסנווארג און ריינקייט, האט תורת משה איינגעפירט די דיעטישע און היגיענישע באגרעניצונגען. און אלע סאציאלע געזעצן ווערן אנגערופן משפטים, ווייל זיי זענען פארפאסט געווארן כדי צו פארמיידן קאנפליקטן וואס קאנען צעשטערן דעם שלום ביים פאלק ישראל. דערפאר האט משה רבינו אנגערופן די חקים און משפטים דעם קולט פון לעבן, אחוץ דעם איז דער שכר און עונש אויף די וועלט ניט אליין א פארגעלטיקונג, פאר גוט זיין גוטס און פאר שלעכט זיין שלעכטס, נאר פאר אפהיטן די מצוות באקומט מען צום שכר נאך א פרייז: א ספעציעלע פארגיטוקונג אויך אויף די וועלט, ווי משה רבינו האט דאס באטאנט אין דער פרשה, וואס מען זאגט צו קריעת שמע — „והיה אם שמוע תשמעו אל מצותי . . . ונתתי מטר ארצכם בעתו" . . . און עס וועט זיין אויב הערן וועט איר צו הערן צו מיינע געבאטן . . . וועל איך געבן דעם



רעגן פון אייער לאנד אין צייט. (דברים י"א) עס איז דערפאר אבסאלוט אומדענקלעך, אז משה רבינו זאל האבן געגלויבט אין נאך א באלוינונג אויף יענע וועלט. אמת איינער פון די חכמי התלמוד באהויפטעט אז די מצוות ביי וועלכע דער שכר פאר אפהיטן שטייט נעבן ביי, ווי „למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך"). ביי כיבוד אב ואם און „למען ייטב לך והארכת ימים" ביי שילוח הקן, האט משה רבינו געמיינט צו זאגן אויף יענער וועלט, נאך תחיית המתים, ווייל אויב א פאטער וועט זאגן צו זיין זון גיי ארויף אויף דעם טורם און ברענג מיר אראפ די יונגע פייגעלעך, און דער זון איז ארויפגעגאנגען, האט אוועק געיאגט די פויגל מוטער, גענומען די יונגע פייגעלעך און אראפגייענדיק איז ער געהרגט געווארן, ווי אזוי ווערט מקיום דער צוזאג פון לאנגע יארן און גוטן לעבן? נאר דער צוזאג איז גוטסקייט אין א וועלט וועלכע וועט זיין אין גאנצן גוט און לאנגע יארן אין א וועלט וועלכע וועט זיין אומענדלעך, דאס הייסט: אין דער קומענדיקער וועלט נאך תחיית המתים. און איינער פון די באקאנטע מפרשים, דער מהרש"א ווייזט־אן אז די באהויפטונג איז ניט אויסגעהאלטן, ווייל אין תורת משה שטייט בפירוש, אז דער שכר און עונש וועט דאס פאלק ישראל באקומען אויף די וועלט, אבער ער טראכט צופארענטפערן דעם תנא, אז אחוץ דעם שכר ועונש פארן פאלק ישראל אויף די וועלט, וועט לויט דעם תנא יעדער יחיד באקומען א באזונדערן שכר ועונש נאך תחיית המתים, וואס איז פארגלעטן א סתירה קעגן תורת משה. פאקטיש האט דער תנא באטאנט „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא": באלוינונג פאר טוען א מצוה איז בכלל ניט פאר אין אויף די וועלט, נאר אויף יענער וועלט ווערט דער יחיד אדער דאט פאלק באלוינט. און דער תנא איז טאקי געווען פון די ערשטע וואס האבן אריינגעבראכט דעם טויטן קולט אין תלמודים און מדרשים. (קידושין ל"ט. ספר יוחסין. (23

מען איז אויך בארעכטיקט אנצונעמען אז עס זענען פאראנען היסטארישע סיבות צוליב וועלכע משה רבינו האט אפגעווארפן די אידיי פון דעם טויטן קולט, פון באקומען דעם שכר ועונש אויף יענער וועלט. מען דארף אין זינען האבן, אז תורת משה איז אן אנטיטעז א קאנטראדיקציע צו דעם אלטן מצרישן קולט, ווייל צוואנגס ארבעט פון פרעמדע איז געווען דער ארויסקום פון איר. קיין איינע פון די פארצייטישע רעליגיעס האט ניט איבערגעלאזט אזא גרויסע צאל אנגעשריבענע און מאנומענטאלע פרטים פון זיך ווי די אלט־מצרישע. אחוץ וואס מען ווייס פון אירע היעראגליפישע שריפטן, אז דער גלויבן פון קערפערליכע עקזיסטענץ נאכן טויט, אונטער דער אויפזיכט פון אומגעקומענעם גאט אסיריס, ביז ער וועט צוריק לעבעדיק ווערן און אלע צוריק לעבעדיק מאכן, איז געווען דער ערשטער יסוד פון זייער רעליגיע, (בוך פון די טויטע — איבערזעצונג ז. 44) זענען אויך ביזן היינטיקן טאג איבערגעבליבן פון זיי טויזענטער מומיעס און די פיראמידן, לופט פרייע קברים, וואס זאגן עדות אויף דעם גלויבן. אויף דעם טויטן קולט איז געווען אויפגעבויעט די עקאנאמיע, פאליטיק און רעליגיע פון אלטן מצרים, טויזענטער זענען געווען אין האנדעל מיט

די ארטיקלען צו פרעזערווירן די טויטע, ווי אויך מיט דער מלאכה פון איינבאלזאמירן, און יעדער מצרי האט געהארעוועט פון זיין וויגל ביזן קבר אז זיין קערפער זאל נאכן טויט ניט פארפוילט ווערן. די פרעהס האבן פארכאפט לענדער, כדי צו האבן שטיין גראבענס, מעטאל מינעס און פרעמדע שקלאפן צו בויען זייערע פיראמידן. און די פריסטער זענען אויסגעהאלטן געווארן פון די פרעהס, פארן פארשפרייטן דעם טויטן קולט, פאר איינרעדן די צוואנגס ארבעטער אז דערפאר וואס זיי רעוואלטירן ניט קעגן זייערע עקספלואטארן אויף די וועלט, וועלן זיי באקומען אויף יענער וועלט עסן, טרונקן און שקלאפן צו באדינען זיי. משמעותדיק דערפאר, וואס משה רבינו האט געזען ווי מען זויגט דאס בלוט פון די ארעמע מאסן פאר דעם קולט פון טויט, „לא ידע איש את קברתו עד היום הזה“ : האט ער ניט געוואלט מען זאל וויסן ווו זיין געביין איז אהין געקומען. (דברים ל״ג)

צוזאמען מיט דער מלאכה פון ערד ארבעט איז אויך דער טויטן קולט פון מצרים פארשפרייט געווארן צווישן די פעלקער פון דער וועלט, און דורך דער השפעה פון אנדערע פאנטעאיסטישע דענקער האט דער טויטן קולט באקומען א מער רוחניותדיקן אדער ספיריטועלן כאראקטער, ווי מען זעט דאס אין הינדואיזם. די פאנטעאיסטישע דענקער פון הינדואיזם האבן אויפגעבויעט זייער טויטן קולט אויף דער נאטור פון אייביקער טראנספארמאציע אין דער חושימדיקער עקזיסטענץ. זייער העכסטער גאט „שיווא“ איז לויט זיי אין וועזן און אין סובסטאנץ איין איינציק און אבסטראקט, אבער ער האט אויך א פאטענץ פון אייביקער טראנספארמאציע און די פאטענץ ווערט אנגערופן מיטן נאמען „שאקטי“. זי ווערט פארגעשטעלט אלץ זיין ווייב און די מוטער געטין, פון איר איז אנטשטאנען די גאנצע חושימדיקע עקזיסטענץ, זי האלט אויף יעדע פארעם און געשטאלט און זי איז די צעשטערערין פון אלעם. לויט זיי וועט די אייביקע טראנספארמאציע אזוי לאנג אנגיין ביז די גאנצע חושימדיקע עקזיסטענץ וועט האבן אנגעווירן יעדע אקטיוויטעט, כדי צו קאנען זיך ווידער באהעפטן מיטן העכסטן גאט שיווא, מיטן אייביקן פרידן. דעריבער מוז יעדער מענטש, בשעת זיין לעבן אויף די וועלט, שטרעבן זיך אפצוגעווינען פון וועלכע באשעפטיקונג עס זאל ניט זיין, ער מוז זיך אפזאגן פון „קארמא“ : פון אקטיוויטעט, קיין אונטערשיד צו עס זענען גוטע מעשים אדער שלעכטע. אויב ניט ווערט ער טראנספארמירט : מגולגול אדער ווידער געבוירן ביז זיין קערפער און גייסט האבן פארלוירן יעדעס געפיל פון עקזיסטענץ, ווי מען זעט דאס ביי די אינדישע פאקירן. הינדואיזם האט אויך א סיסטעם פון שכר ועונש, דער צדיק ווערט מולגול אין א רייכן אדער געזונטן מענטש און דער רשע אין אן ארעמאן אדער א קראנקן, צו אין א חיה אדער אין א בהמה ביז ער באפרייט זיך פון קארמא, פון אקטיוויטעט. (טאנטארא פון דער גרויסער באפרייאונג)

— המשך קומט —

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“**



א. נ. שטענצל

# צ י ג י י נ ע ר

(אַ סאָנעטן־קראַנץ)

## אָווערטירע

נישט מענדעלעס „ווינטש־פינגערל“ היינט געלעזן
און נישט שלום אשס, צי גאר ווייסנבערגס, „שטעטל“,
א ציגיינערקע אין מיין טיר האט אנגעקלאפט,
פארקויפט מיר א וואקסן בלימל אויף א דרעטל.

זיינען אויף מיין טיש אויפגעוואקסן קנאספנדיק
שלאנק־געטאקט, האניק־געלאקט, קונציקע בלעטלעך,
אין טוי־טראפ געפאלן ווארעם אויף זיי — א טרער !
געהערן זיי דאך אויך צו אונזערע שטעטלעך.

ווי פישקע מיט זיין בויד־כאפטע אויף גאטס באראט,
לוסטיק פריילעך, אן זארג, זיך ארומגעפארן —
דרייענדיקע קארוסעל גאנצער ערד־קיילעך !
אומגעריכט אזא גרויסער, גרימיקער צארן — —

איז דאך אויך זייער אש מיט אונזערס אויסגעמישט,
צעשאטן ווי פלעווע אין אלע פיר ווינדן !!
פאר זייער אויסגעלאשן פייערדיק לעבן,
כאטש א קליין ליכטעלע אין הארצן אנצינדן —

אזא שאָקלדיק־צאַנקדיקס, זיך וואַקלדיק,
ארייגעשטעקט אונטער בויד־אַקס, אין לאַמטערטל ;
קנויטל־צויטל־שטויבל פאַלט צעשאָטן אַראָפּ —
אויף זייער אומבאַקאַנטן קבר א טרערל.

## 14 סאנעטן

### 1

נישט געקלאפט מיט פאפיר־בלומען אין די טירן,
מיט בעטנדיקן בליק בעטלעריש געבויגן,
מיט אזעלכע באיאדערע פלאמען־אויגן,
אויף די יאר־מערק זי וואלט באלעטן אויפפירן.

דאס צעקלינגטע פייקל, די בענדער קאלירן,
און אין ראד פון מענטשן ארום איר געצויגן,
א געטין פון הימל זי אראפגעפלויגן — —
מיט איין בליק אירן, נישט איין בחור פארפירן.

„די ציגיינער ליבע“, „דאס ציגיינער לעבן“,
האלב פון איר לעבן דערפאר אוועקגעגעבן,
ווי אמאל געווען עס זאל ווידער קאנען זיין.
מיט א בענקשאפט אין הארץ, א בלוטיק דערשטיקטן,
א מין פאווע, מיט אן עק אן אויסגעפליקטן,
זי דרייט זיך ארום אצינד דא, גאס אויס, גאס איין.

2

אז מוטנער אומעט קוקט אַרויס פון איר בליק,
א טליענדיקער אונטער אַש פאַרשאָטן,
א בוים באַהאַלט זיך אין זיין אייגענעם שאָטן,
און רייצט דעם מידן וואַנדערער מיט רו און גליק.

עפעס אַ נאנטקייט גיט אין מיין האַרצן אַ צוויק:
צו ראַטעווען זיך ווי מיר ס׳איז איר געראָטן,
אלע אירע ביזן ווארצל אויסגעראָטן,
נישט אין צוויטן אַ בוים — פון פלאם א שייטער שטיק!

ווי צוגעברענט שמעקט איר לייב, פאַרזענגט און פאַברוינט,
אירע שווארצע האָר קרייזלען זיך פלאַמיק געקרוינט,
די פאַלטן פון איר הויט פול מיט רויכיקן סמאָנד.
כשוף־ווערטער מאָדנע מירמלענדיק נאָכאַנאַנד,
פרעפלענדיק, קמיעלע געלייגט מיר אין האַנט:
אפשר איר פאַרברענטן מאַן אין מיר זי דערקאָנט.

3

אמאל אין אונזער היים די וועלדער, די סעדער,
איבערן קאפ בלויער הימל געטובלט קלאר,
א פריש־געריסענע בלום אין די שווארצע האר,
די תאווה־נעכט — ארום די אויגן די רעדער.

בארפוס, טאנצדיקער גאנג גרינג ווי א פעדער,
איבערן פוקל, אין סמאטעס, א צווילינג פאר,
א קעניגין קלעאפאטרא איז זי, און גאר —
א פרייער ציגיינער־פרינץ אויסוואקסן יעדער!

דעם סמיטשיק אויסגעשטרעקט מאיעסטעמיש אין האנט
צו דריגירן — א קעניג רעגירן זיין לאנד,
די קרוין אויף זיין טשופרינע קאפ — די זון!
דער גאנצער ארום, די בערג, די טעלער — זייער:
דאס פערד, וואס שטייט אין שטאל, די הון אויף די אייער,
עס איז נישט דאס לאטכענען — ס׳איז די קונסט דערפון.



4

וואס איז דען א מארק אן א כאפטע ציגיינער?
כאטש נעמען די פערד פירן צום שינדער!
אן אָגער אַ לאָמער, א זדעכלאך, א בלינדער,
דורך צוקראָכענער פעל קריכן שוין די ביינער.

אַ שמירעכץ — אן אָדלער כאָטש צייל אים די ציינער!
פעפער אונטערן שוואַנץ — נישט לויפן געשווינדער!
און די באַבע ווערט יונג און שטאַלטנע די קינדער —
„אויף א פלינק פערד אָנרייטן דער קאָכאַן דיינער,

נאר אָנצוטון די פאָטשערקעס, אט די קרעלן,
אַ פגירה איינגענעמען — אזוי אים געפעלן!“
אַז וואס איז א יארמאַרק אן די קעסל שמידן?
פון סאַדלע, פון קאָלבאַס, פון וואדקע שטינקט דער מאַרק,
מען פאַטשט זיך נישט אין די הענט — א מעסער אין קאַרק —
עשיו איז שכור, שטאַרק אַ פאָגראָם אויף יידן.

5

ווי פינסטער זיין בליק, אזוי ווייס זיין טשופרינע,
זי איז עס געווארן אין יענער בייזער נאכט,
ווען אינם קאצעט מיט זיין פידל אים געבראכט
און מיט פעשל קארטן אירן זיין מארינע.

מיט אירע אויגן ברענענדיקע פון שנאה,
ווי האט זי זיי אין די אויגן אריינגעלאכט,
ווען ער זיין פידל סטראַיענדיק צערעכט געמאכט,
און געציטערט מיט די פינגער זיינע דינע.

בשעת זיין פידל ווי אן עופהלע געוויינט,
האט זי זיי אלץ פון די קארטן ארויסגעליינט,
ער האט געהערט דעם שאס און איר ווילדן געשריי,
און וויינענדיק דעם סמיטשיק ווייטער געצויגן.
צוויי אייז־צאַפּנס האבן געגלייזט זיינע אויגן,
און זיין קאפ באדעקט געווארן מיט ווייסן שניי —

6

תמיד אויפן טיש ער זעט זי ליגן, די קארט,
מארינען אין דער קאלוזשע בלוט אויף דער ערד,
און כסדר איר שטימע א בת־קול ער הערט,
ווי זי לייענט ארויס פון דער קארט ווארט פאר ווארט.

מוראדיק עס הילכט, זי האט זיי גארנישט געשפארט:
„ווי מיט א שווערד פון דער ערד פארשניטן איר ווערט,

און ווי מיסט פון א פערד־שטאל ווערן אויסגעקערט —
יא, דאס ווארט פון דער קארט ווערט מקוים, און ווער׳ט״.

איר געשריי ווי פריידיק עס האט אויפגעזונגען!
פארוואס האט ער דעם סמיטשיק נישט איינגעשלונגען
און צוזאם מיט איר אין בלוט געבליבן ליגן?
פארמויערט ער ווערט, פארשטיינט פון א טרויער,
דאס געוויין פון זיין פידל לעכערט זיין אויער:
פארשוועכט, הארץ־צעגייענדיק, ציגיינער־ניגון.

7

זע, איבער ווייסן שניי גייט שווארץ אויף א כמאַרע,
געהעצטע מיט הינט מיט בייטשן, און שטיל דאָס גיין,
נאַקעטע ציגיינער אין גאַז־קאַמער אַריין,
פאַראויס צאגא־טאטא, דער עלטסטער, דער סטאַרע.

רויט פאַרלאָפן די אויגן זיינע, די קאַרע,
בלוט טריפט פון זיינע פאַרביסענע ווייסע ציין,
הינטער אים זיין גאַנצער שבט — — — אַז גאָט אַליין
משוגע קאָן ווערן פון אַזאַ ווילדע מראה.

שפעטער, — זייער פריסקע אַש פון אויוון אַרויס,
„זאָנדער קאָמאַנדא״ מיט שאוולען שפרייט אויס,
אויף די בלוט־פאַרגליווערטע גליטשיקע וועגן —
צאָגאָ־טאָטאָ׳ס אוירינגל, אַ דרעטל טשוהון,
שטיל בליטשענדיק גין־גאָלדן אין דער קאַלטער זון,
איינגעפרוירן אין בלוטיקן אש געלעגן.

8

ליגט ער אצינד אויף הער זון־צעווארעמטער ערד,
דעם ווייסן קאפ פינסטערט פארנורעט אין א שויס,
א פארלויזטער, ס׳קנאקט זאפטיק א לויז נאך א לויז,
עס סלינעט זיין מויל ביי יעדן קנאק, וואס ער הערט.

מיטן קאפ אין בויד שטייט דאס געלאטכנטע פערד,
פיר וואקלדיקע רעדלעך זיין לאנד און זיין הויז,
זיין גאט — אין א פעשל קארטן הארץ רויטע טויז,
אין הער פארלויזטער וועלט קיך ציבעלע די ווערט.

ליגן זיי — אן אנטבלויזטער צלם־אלקים!
פנים אל פנים געהייליקט איך קוק אויף אים:
זייער גאנצן שבט געקוילעט, אש־פארברענט,
זינגענדיקע, טאנצנדיקע טויט־פארשמיסן,



די לעצטע סטרונע פון דער פידל געריסן,
בלויז פון „גוט־מאכונג געלט״ כאטש ריין זייערע הענט.

9

דער „פאגאניני״ פון קאראוואן געוועזן,
אויף איין סטרון לאכן, אויף צווייטער וויינען געקענט,
ליגט ער אצינד אין איר שויס מיט זיינע צוויי הענט
געלעמטע — צוויי אריינגעשרויפטע פראטעזן.

זי האלט איינע און טוט פון איר ארויסלעזן,
איר קול ציטערט, די אויגן אין ווייטן געווענדט,
זיי פלאקערן אויף ווי צוויי שייטערס ווילד צעברענט:
„יאנושקא, דיינע קראנקע פינגער גענעזן,

זיי מוזן אבער פריר צען גערמאנס דערשטיקן,
געשאסענע מארינע ווארט אויף איר תיקון,
איר אומזיסט פארגאסן בלוט וועט פרי׳ר נישט שטילן.
אין האנט די פידל ווי וועט זי ווידער וויינען,
פארטיליקט א שבט און באקלאגט פון קיינעם,
איז דאך דער ניגון ציגיינערס לעצטער ווילן״.

10

וויאזוי זי א לעבעדיקע געבליבן?
זי איז די קעניגין פון איר קאראוואן געוועזן,
ביי דער סעלעקציע דער „שאר־פירער״ זי דערזען,
פאר זיין געליבטער האט ער זי אויסגעקליבן.

גאנצן קאראוואן אין גאז־קאמער געטריבן:
אין יענער פינסטערער נאכט, ווען דאס איז געשען,
האט זי מיט צעביסענע פינגער אירע צען
אויף איר לייב די נקמה גרימיק אויפגעשריבן.

יעדער גראטש, וווּנדיק־אנגעלאפן, בלוטיק רויט!
א קמיע א פארשריבענע איז איר הויט,
מיט אור־אותיות פון איר שבט, מיט דרונען־שריפט.
ער האלט זי אין זיינע הענט, בלינד־צעברענט זיין בליק,
מיט זיינע פינגער ער לייענט אהין און צוריק,
און זיין הארץ ציטערט צעטריפט פון נקמה־גיפט.

11

פאר א געלאטכנט הון פון דערפער אונז געיאגט,
מיט שארפע מיסט־ווידלעס, מיט אנגערייצטע הינט,
אויב איינער פון אונז זיך פארליבט האט אין א קינד,
צען יאר אין סיביר, אין קייטן זיך אנגעפלאגט.

מען האט בלויז דאס ווארט ציגיינער ארויסגעזאגט,
און א קינד אין וויג געציטערט — א בלאט אין ווינט!
ס׳הערן־פאלק די הויט פון עופהלעך אפגעשינדט,
ס׳זידיקע בלוט פון לעבעדיקן לייב גענאגט.

קאלירטע לאמפיאנס געמאכט, פייקעלעך געשפאנט,
און מיט די פעלקער פון דער וועלט שוין האנט אין האנט:
כ׳לייען איצט פון אייערע הענט, ס׳גלעקל־פייקל שנעל,
און מיטן טייוול געגאנגען א טויטן־טאנץ:
„אויסגעראטן פון דער וועלט איר וועט ווערן גאנץ,
א תל!! זעט, אט ליגט זי שוין טויז רויט ביי טויז שעל“.

12

גלין, גלין, אַצינד די קאָסטאַניעטן פלינק אַהער,
איינס ביי איינס, זיי אויסגעזיכט אויסגעקליבן,
פון אונזער געביין, אינם אַש איבערגעבליבן — —
אַז וואס האָט דען נאך געקענט איבערבלייבן מער?

אויף א קיזל־שטיין געטריפט אַ טרער נאָך א טרער,
ווי גלאַנציק־גלאַט געשלייפט, קונציק אויסגעריבן;
מער ווי אין טויזנטער פאַרמעטן פאַרשריבן,
קנאַלענדיק, דעם עכא פון אונזער שבט כ׳הער —

דאָס אוירינגל פון צאָגאָ טאָטאָ אין אויער!
פון אַזאַ גרימיק פלאָם־צעפלאַטערטן טרויער,
פון זיבן פורפיר־שלייערס אַרומגעקומען — —
דאָס שיכעלע איינציגס געבליבן פון מיין קינד!
גלין־גלין! טיזבי די ווינד־מכשיפה כ׳בין אַצינד:
וואָס געוועזן, וואָס איז און וואָס ערשט גייט קומען —

13

— דעם קדמון־גלאָק, דעם קופער־קעסל מיר שמידן,
אַלץ טיפער, אַלץ ברייטער, אַלץ בייכיקער גרעסער;
דעם לאַפיטוטן־טאָפּ פאַר דעם שטן־פרעסער,
טאָג און נאַכט אים געהעמערט נישט איינצומידן.

דאָס ראָסל־פלייש, זיס־זויער, זאַפטיק אויפזידן,
אז וואָס קאָן זיין שוין פון מענטשן פלייש בלויז בעסער.
גלאָן, גלאָן: צום טיש, גרייט ליגן שוין גאָפל־מעסער.
דאָס געשמאַקע „אָדאָווער“ מיר און די יידן — —

שוין קומען די העלדזלעך, לונג־לעבערס, די צונגען,
און ערשט דער געדעמפטער בראָטן ווי געלונגען,



געפעפערט, געזאַלצן און פאַפריקא דערצו.
די שאַמפּאַניער־פלאַשן שוימיק אויפגעשאָסן,
דעם רויטן בלוט־וויין אין די גלעזער געגאָסן,
גלין־לין, דעם „דעסער“, ס׳קרייט דער האָן:
קו־קו־רי־קו.

14

גלעקלעך פון אָנקומענדיקע קאַראַוואַנען,
צי גלאָקן־געקלאָג גאָר באַגלייטן א טויטן?
איז גאַנצע וועלט אויסגעצירט אין פורפור צויטן,
אָדער שליאַדעס אויסגעשמירטע פון בלוט־שפאַנען?

איז די זון שוין אונטער, אָדער אויפגעגאַנגען,
פלאַמען־צויטן פון ביימער־שפיצן און פלויטן?
אז עס הענגען פון די צווייגן שוין די שויטן
איז וואס אז פאַלט דער צוויט און די בלעטלעך וויאַנען?

„כירועות שלמה, כאוהלי כדר“?
האלט עס שוין ביים סוף, צי ביים בראשית איידער?
דאָרטן ווייט גן־עדן גאָרטן שטייט אין בליטן — —
אַ דאַנק דיר צוגיינערקע, געקלאַפּט אין מיין טיר,
מיט וואַקסן בלומל כאָטש מיט בלעטלעך פון פאַפיר — —
ס׳וועט גאָט אונזער וועלט באַשיצן און באַהיטן.

## צוויי נאכוויי־געזאנגען

א.

גייט נאך ארום ערגעץ א שווארצער ציגיינער
מיט דראטן, מיט ניטן, מיט לייטאייזן, מיט בלעכן?
ס׳קאן נאך בלויז העלפן א טאטער א ציגיינער
ווען דער כדור־ארץ ווי א טאפ וועט צעברעכן.

און ר׳מענדעלע און ר׳ אלטער, חלילה,
זייערע בוידן אין א טינטער זיך פארקריכן,
וועלן זיי שטעקן בלייבן טיף און פארפלאנטערט,
און לאנג־לאנג מוזן ווידער צוווארטן אויף משיחן.

(נישט וויל א ציגיינער לאטכענען זיין פערדל,
און נישט האבן ער וועט אויף וואס קומען צו רייטן,
הזיריש־געקארמעט פון די גוטע דייטשן,
ליגן איבערגעפרעסן מיט צעפראכטע זייטן).

יא, ס׳האבן די פעלקער צו געלייגט א פלייצע,
די בויד אונזערע פון בלאטע ארויסצוהייבן,

בלויז דאס פערד אין יאך זיי וועלנ׳ס נאך פארשמייסן,
אויב נישט גיין ווו אהן ווי זיי ווילנ׳ס אהינטרייבן.

שוין שטעקן די בייטש־שטעקנס צווישן די רעדער,
צי גאר פון הינטן אין רוקן די שארפע מעסער,
יא, לאטכענען א פערד פון שטאל איז א קונסטשטיק,
אנגיין מיט די אנטרייבערס — די קונסט אסך גרעסער.

ב.

אונזער ר׳ מענדעלע און ר׳ אַלטער לעבן,
ווו נישט אָנגעשפּאַרט ? אין פּאַרוואָגלשסטע ערטער ;
ווי איר מיט די לייכטעטע טענער פון הער פידל,
זי, מיט די שווער־פּאַרטראַכטסטע ווערטער.

וואס נישט געפירט אלץ אין די בוידן זייערע ?
פון „מסתרי פאריז״ ביז א כל בו סידור !
פון אייערע געפאקטע, מיט קרעל־רויטע מיידן,
געהילכט פייערדיק די תאוודיקסטע לידער.

אין דארף, אין שטעטל די בוידן אנגעפארן,
פונקען אין אויפגעהויבענע וואלקן־שטויבן ;
ווי איר מיט פלאמיקן ווארט די הערצער צו גאט,
מיט אייער ניגון די פיס צום טאנץ געהויבן.

איצט ווער ברויך נאך ר׳מענדעלען, ר׳אלטערן,
דעם הארץ־צעגייענדיקן ציגיינער־ניגון ?
אז פליטן פון „טשארדאש פירשטין״ ביזן „בעל־שם״
שפאט־ביליק אויף אלע יאר־מערק שוין צו קריגן — —

עס גוססט דער ניגון, אן אויסגעגאנגענער,
אין נעצן פון טענער געזעצטע אין נאטן,
און דאס שווער־פארטראכטע ווארט, א טיף געזונקנס,
טליעט אונטער אש־קופעס, הויך אנגעשאטן.

* * *

אונזער בלומען־צעמאָלטער שבת־אויבס־טעלער
אַ געדראָטעוועטער אויפן טיש געשטאַנען —
פייגעלע אין שטייגעלע, אַ קלוג־פאַרשוויגנס,
אַ שטיל אויפהארכנדיקס ווי ס׳וואָלט אַלץ פערשטאַנען — —
אזוי פאַפּיר־בלימל געבליבן איז ליגן,
אז קיין איין בלעטעלע צומאל וועט פאַרוויאַנען.

יאָ ס׳שטעלט זיך אַ פליגעלע דעראויף, ס׳בלייבט אַ פינטעלע,
אַ נקודה, אַ טראָפ — צו זינגען די נאָטן.



האָב איך די אותיות צוגעשריבן צו זיי,
אויסצוטרוקענען ,מיט ביסל אַש באַשאָטן.
האָט נישט אונזער צעמאָלטן שבת־אויבס טעלער,
אַ ציגיינער געדראָטן, און ווי געראָטן ?

צעברעקלט ער איז געוועזן אויף פּיק־פּיצלעך !
אזוי קונציק שערבעלעך צוריק פעראיינען — —
און אויב נישט אַ מענטש א פייגעלע אָנפּליען,
און טשוויטשערדיק פונם בלעטל אַראָפּליינען ;
די ציענדיקע וואָלקנס, ווי קאַראַוואַנען,
ניגונדיק־לאַכנדיק די ווערטער אויסוויינען.

## מ׳רירט זיך אין וועגן אריין

דאָס אַוועקציען פון טשעלאַדזש איז אונז אזוי לייכט נישט אָנגעקומען ; נישט נאָר די מאַמען און אונז קינדער, וואָס מיר זיינען אַרויסגעוואַקסן צוזאַם מיט די טיפע אַפּגרונדן דאָ, מיטן זיך צעוואַקסענעם מקום, ווו די קוילן־פאַר־שמירטע און כאַזשע פאַריסטע פנימער, פון די איינגעזעסענע, זיינען אונז געווען די היימישקייט אַליין, ווי די איינגעבאַקענע זון, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט אונז וואָלקנדל אַרויס וואָלקנדל אַריין, א געמאַזשגערירטע אין קוילן־שטויב און רויך־סאַזשע, און די שטרולקעס צו שפּילן פאַר אונז זיינען געווען די גלאַטיק־געוואַשענע שטיינדלעך פון דער שטילער בריניצע ; נאָר אפילו פאַרן טאַטן, וואָס פאַר אים האָט עס געמיינט צוריק צו זיין משפחה, צו זיין געבוירן שטאָט, צו זיין קינדהייט, צום פול געפאַקטן בית־מדרש מיט ספרים און בחורים, צום היימישן דרויסן פאַר די ליכטיקע פענסטער, צופיסנס פון די פינסטערע כותלי־בית־המדרש, — דאָס מירמלען דאָס שאָקלען זיך פון דער ברייטער רוישיקער וואַרטאַ יום ולילה, פרילינג ווען זי פאַרפלייצט די לאָנקעס אויף דער אַנדערע זייט ברעג — אין די לאַנגע ווינטער־נעכט געשווימען אין דער ברייט און אין דער לענג פונם טיפן ים־התלמוד און אין די זומער בין־השמשותן געלייגט קלאַפּטער איבער ברייטן טייך און אַרומגעשווימען די געפערלעכסטע פּלע־צער ; צוריק צום „קאַזאַצקער שטיבל״, ווו ער האָט זיך געכאָוועט און געווען דאָס אויג אין קאָפּ, דאָס זאָרגן־קינד פון יעדן איינעם — דער יתום פון ר׳ שלמה דיין.

ניין, אפילו נישט פאַרן טאַטן איז עס אַזוי לייכט אָנגעקומען דאָס אַוועקציען פון טשעלאַדזש ! 30 יאָר זיצן אויף קעסט ביי אַ רייכן ישובניק, אָן שום עול, אָן שום זאָרג ; צו זיין אַ „נכנס בשלום און א יוצא בשלום פון איין פרד״ס אין צווייטן״ ; טועם צו זיין צומאָל פונם „עץ־הדעת״ אן שום מורא אפילו פאַרן לעבן ; לייכט־שוועבנדיק און טיף־שווימענדיק פון איין ענין אַריין אין צווייטן, ווי אין די פיר טייכן וואָס רינגלען אַרום דעם גן־עדן — — און איצט הייסט עס נעמען ווייב און קינדער און „בזעת אפיך תאוכל לחם״ . . .

ביים אויספירן, ביי אָפּוויקלען די אַלע ירושה־אַקטן, וואָס האָבן זיך געצויגן

וואָכן־לאַנג האָט מען מיך געיאָגט פון שטוב: „גיי דאָך צו דיינע חברים“, „גיי דאָך אין שטובל אַריין“ . . . מען האָט מיך אפּנים געוואָלט שוינען פאַר דעם שאַרפן ווינדיק־שניידנדיקן דרויסן, וואָס האָט זיך מיט אַ שטורעם אַריינגעריסן זיך אין אונזער הויז אַריין. און איך האָב מיך געפילט, ווי יענע ווילדע חיה, וואָס רש״י דערציילט פון איר, אַז זי איז אָנגעקניפּט מיטן נאָפּל צו דער ערד, און אַט־אַט וועט מען אים איבער שניידן און די חיה וועט שטאַרבן . . . לויפט זי אין קרייז אַרום ווי מאַנעלעס פערדל איינגעשפּאַנט אינם קלאָץ פאַר דער זאָדע פאַבריק און דרייט זיך אין ראָד . . .

אין דער היים זיינען די שטימונגען געווען שווערע, דערדריקנדיקע. הערש מענדל האָט זיך כסדר געדרייט מיט יידן פון דער היפּאָטעק. די היפּאָטעק וואָלט דער פעטער חיימל איבערגענומען צוזאַם מיטן הויז, אָבער ס׳איז דורך דער צייט אָנגעוואַקסן אַזויפיל פּראָצענט און פּראָצענט אויפן פּראָצענט, אַז לויט הערש מענדלס חשבון איז שוין דאָס גאַנצע הויז מיטן נייעם פּאַפּע דאַך, נישט נאָר קיין קאָפּיקע נישט ווערט, נאָר מען מוז נאָך צוצאָלן. איז, אויב מען שרייבט עס אים איבער, דאָס הויז, אויף זיין, הערש מענדלס, נאָמען, ווי ס׳גייט און שטייט, איז מילא: „מיר זיינען דאָך עפּעס מחותנים, אייגענע, איז ווער וועט לאָזן חלילה שלעכט׳ס טון“ . . .

דער פעטער חיימל האָט אפילו מורא געהאַט מיט אים איינצוטענען: „דער הערש מענדל איז אויף אַלץ פעאיק! . . . גיי פיר מיט אים משפּטים, אַז ס׳שמעקט מיט קרימינאַל . . . און גיי לייג אים, דעם אַלטן חזנס זון, די מומע גיטעלעס איידעם“ . . .

דער טאַטע איז געשטאַנען ביים טיש, געקוקט אין די אַקטן, געקוקט אויף הערש מענדלען, געביסן די וואָנסעס און געשמייכלט: אָט, דאָס איז דאָס לעבן... דער, חרב המתהפכת׳ . . . מ׳מוז אפּנים טאַקע אָנהויבן בייס סאַמע בראשית, און צאָלן רבי־געלד . . .

דער טאַטע הייבט אויף דאָס פּנים פון די אַקטן און דער שטערן קנייטשט זיך: מ׳מוז וואָס שנעל אַרויסגעפונען פון די אַלע שענק ספרים און ספרימלעך יענע פּסוקים אין וועלכע מ׳קאָן זיך אָנהאַלטן . . . מ׳טאָר אין זיי שוין נישט אַריינטייטשן און אויסטייטשן, נאָר פּשוט פאַרטייטשן . . . פּראָסט־פּשוט:

— „דו ווייסט דאָך הערש מענדל איך וועל קיין שום זאַך נישט טון, נישט פריער אָנצופרעגן אין ראַדאָמסק, וועלן מיר עס אָפּלייגן אויף אַ וואָך צוויי, און דעמלט וועלן מיר עס ענדיקן על צד היותר טוב. געב דאָך אַריין“, האָט ער זיך געוואָנדן, האַלב־הלצהדיק, צו דער מאַמען מיט אַ גוטסקייט אין קול (געזען אין וואָסער סיטואַציע זי געפינט זיך: אָט שפּרינגט זי אויף, אַ צערייצטע, אַ ווילד־אויפגערעגטע, און גראַטש דעם הערש מענדלען „די טריפענע אויגן“ אויס.) „געב דאָך אריין פון דעם וואָלבעראָמער צוקערקוכן, וועל איך איינגיסן אויף לחיים, על כל פּנים, האָט מען דאָך איצט אָפּגעמאַכט האַלב פון אונזערע עסקים“.

זייט די מומע אסתר רייזל האָט געגעבן דעם „רעצעפּט“ פונם וואָלבראָמער



צוקער־קוכן“ פּראַדלען און ס׳איז געוואָרן דאָס געבעק פון דער טשעלעדזשער־משפחה; זייט יענע פרימאָרגן, איז די מאַמע מיט דער מומע אסתר רייזל ווידער געווען די בעסטע גוטע פריינט. דאָס פאַרמשכונטע זעקל צירינג אָבער, וואָס דער פעטער חיימל האָט דעמלט יענעם פרימאָרגן, אויסגעלייזט, איז אָבער אַלץ נאָך געווען ביי אים . . . די מאַמע האָט עס דעמלט, אינם פריילעכן טאַרעראַם פון באַקן און פרעגלען לכבוד לייב הערש קבלת פּנים, נישט גענומען פון אים: וועסט׳ס שוין אַריינברענגען, ווען מ׳וועט איבערשרייבן דאָס הויז“. שפּירנדיק מיט אירע פיין־פילנדיקע נאָז־פליגעלעך דעם באַק־אויוון־אויפגייענדיקן טויזנט־טעמים־גערוך פון דער באָבע־זיידע־שטאָט וואָלבראָם, האָט זי מיט איין דריי מיט איר געשליפענע שפּיץ־נאָז אַוועקגעמאַכט די אַלע משפּחה ירושות ווי „בעגאַטעלעס“ . . . אַצינד איז שוין נישטאָ וואָס צו נעמען, און „דאָס הויז“ וועט נאָך אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט . . .

די מאַמע איז אַריינגעפאַלן פון איין מעלאַנכאָליע אין אַ צווייטער, פון איין געהויבענער שטימונג אין דער אַנדערער: זי וועט אים, אָנלערנען דעם „נאַסן גאָרגל“, אין זיינע הענט זאָל האָלטעקס הויז אַריינפאַלן? נישט דערלעבן וועט ער׳ס! . . . נישט געפּאָקט, נישט געמאָזאָלט, זיך „אַריינגעשוואַרצט“ אין דער משפּחה און אַלץ איז אים צו ווייניק . . .

דער פעטער יידע פייוול איז איין טאָג ארויסגעקומען מיט דער באָבען ווייזן איר לייב הערש׳ס ווינונג, פאַרביי פאָרנדיק איז ער אַראָפּ פון דער בריטשקע און אַריין צו אונז און געטראָפן גראָד הערש מענדלען מיט פּראָצענט יידל און הערנדיק ווי דאָס טענהט: „וואס הייסט וואַרטן, אַז דאס פּראָצענט וואַקסט מיט יעדן טאָג“, איז ער אָן שום שהיות, אפילו נישט זאגנדיק קיין „גוטן אָוונט“, צוגעגאַנגען צו הערש מענדלען און אים אַראָפּגעלאָזט צוויי פייערדיקע פעטש, אַז ער האָט זיך שיעור נישט איבערגעקוליעט מיטן בענקל: „הערש מענדל, דאָס מאָל וועסט דו שוין ביי מיר גיין אויף קאַטאָרגע, נישט ווי דעמלט מיט די נאכגעמאכט וועקסעלעך“.

עס איז נישט געווען בכדי שיעשה, אַז ס׳זאל זיך ווער אויפרעגן, ווייל שוין איז הערש מענדל געשטאַנען פאַר יודע פייוולען ווי אַ שיק־יינגל מיטן אויפגעהויבענעם הינטל אין דער האַנט: „פעטער“, האָבן זיינע אויגן, כיטרע ווינקדיק צום יידל, געקוקט הכנעה־לאַכעדיקע אויף יודע פייוולען: „דאס הייסט אָבער קלינגענדיקע פּעטש“. דאס יידל איז פאַרשווינדן צווישן די פיס, ווי אַ וויזל־טיר, ווי אַן אָנגעגאָסן הינטל, וואס מ׳כאפּט עס נאָך באַצייטנס ביים זאַלץ־ברעטל.

הערש מענדל האָט זיך צורעכט געמאַכט דאס היטל אָפּגעווישט דאָס מויל און געפילט, אַז מיט די פּעטש איז שוין געענדיקט דער אַנדער האַלבער חלק פון די היפּאָטעק־עסקים . . . עס איז נאָר אויף אַן אַנדערן אויפן, ווי דעמלט דעם טאַטנס מכבד זיין אים מיטן, וואָלבעראָמער ציקערקוכן . . . אויף אַ מילעוויצער אופן!

דאָס הויז איז שוין געווען פאַרקויפט! נאַטירלעך, קאָנען מיר דערין אַזוי

לאַנג בלייבן ווי לאַנג מיר ווילן . . . קיינער יאָגט אונז נישט, חלילה . . . קיינער שטייט נישט איבערן קאָפּ . . .״ „די גליקלעכסטע״ איז געווען די מאַמע : . . . ״דער פּאָפּע דאַך איז אַראָפּ פון מאַרק, אַראָפּ פון קאַרק . . .״

אָבער אין דער שטוב איז געווען אַן אומרואיקייט, פון יעדן ווינקל יאָגט אַ פּרעמדקייט, מ׳גרייט זיך אין וועג אַריין, מ׳ריר זיך, די פערד שטייען שוין איינגעשפּאַנט און בריקן מיט די פיס . . . די גאַנצע שטוב איז עפּעס אַזאַ גרויסער קאָפער וואָס גייט אויף רעדלעך . . . אפילו שבת איז נישטאָ מער די מנוחה ! דער פרישער זאַמד קריצט אונטער די טריט : געגאַנגען געריקט זיך, ווילאַנג איז דער שיעור, מאַרש ווייטער . . .

די פאַרגרעסערטע צוגעטוענקייט פון פעטער חיימל האָט די מאַמע נאָך מער אויפגערעגט : „וואָס איז דאָס פערציען ? אַראָפּ פון מאַרק, אַז ציען איז ציען״.

דער טאַטע פלעגט אָפּט אַוועקפאָרן און צוריק־קומען אַ צעבראָכענער, אַן אומבאַהאָלפענער : „ס׳האָט זיך זיי פאַרגלוסט אַ דיין אין דער משפחה״ . . .

ווען דער טאַטע איז געקומען נאָך טשענסטאָכאָוו מיט דער נייעס, אַז ער ציט זיך אַהין, האָט מען קודם אין קאָזאַצקער־שטיבל געטרונקען לחיים און דער הויכער ראובן, אברהם פּיזיס — דער אייזערנער קאָפּ, און שרולקע טשענסטאָכאָווסקע האָבן אים גאָר נישט אָפּגעלאָזט, אַריינגעפאַלן פון איין שמועס און אַ צווייטן, און אַזוי איז מען אָפּגעשטאַנען מיט די טלית־זעק אונטערן אָרעם שעהן : „חדש ימינו כקדם״ . . .

די מומע גוטל, וואָס האָט אַלץ שוין ביינאַכט געהערט, „זיך אויסדערציילט די הערצער״, איז באַלד אין דער פרי אַרויפגעלאָפן צום „רייכן פעטער״ — מיט יעדער משפחה־געלד־שוועריקייטן איז מען קודם אַרויפגעלאָפן צו אים. יעקב מאיר, וואָס מתחלת האָט ער עס זיין שוועסטער געזאָגט, אין שפּאַס : „די שטעל קומט דאָך אונדז בירושה ; וואָס איך מיט מיין גאָלע בראָדע זאָל באַזעצן דעם טאַטנס כסא־הרבנית, בעריש׳ל מיט זיין הדרת־פּנימדיקע רבנישע באָרד״. אָבער נאָכמיטאָג ווען דער טאַטע איז אַרויפגעקומען צום אים און יעקב מאיר האָט געזען זיין יינגען ברודער, אַז זיין ברייטע רביש־רבנישע באָרד ווייסלט זיך אים שוין, דערזען אים אין זיין געבראָכענער לאַגע, איז פון דעם שפּאַס ביי אים געוואָרן אַן ערנסט, אַ פּראַקטישער ערנסט, דער בעסטער „אויסגאַנג פון דער שווערער לאַגע״, און ווי איינס פון זיינע אַנוויקלענדיקע געשעפטן ביי שרייב טיש איז יעקב מאיר, ווי אַ פאַרנומער דירעקטאָר, דירעקט צוגעגאַנגען צום ענין : „איך וועל ריידן מיט מאַרקוס־פעלדן און ער וועט אָן אַ סך שוועריקייט די זאַך אַדורכפירן אָפיציעל, ער האָט די דעה ביי בורמיש און ביי רב און די דאָזיקע וועלן באַשטיין און אונטערשרייבן״.

דער טאַטע האָט געוואָלט עפּעס איינווענדן, צו ערשט מיטן משפּחה־שמייכעלע און דערנאָך שוין מיט שאַרפרייקט, אָבער דער עלטערער ברודער האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט : „כ׳ווייס, כ׳ווייס, דאָס אַלץ . . . באַגאַטעלעס, זשידאָווסקע מעשיות . . . מיינע חסידים, דיינע חסידים . . .״



יעקב מאיר איז געווען דער בכור און „רבי מכבד עשירים״, האָט דער טאַטע אים נישט געענטפערט. אַרויסקומענדיק, איז ער נישט צוריקגעגאַנגען צי דער מומע גיטל, נאָר גלייך געגאַנגען צו דער באַן. דער פעטער יעקב מאיר האָט געוווינט אין אַן עק־הויז פון דער ערשטער אַלעי, קעגן איבער האָט שלמה פייגנבוים, דער עלטסטער זון פון דער מומע גיטל געהאַט זיין געשעפט, האָט ער פון דאָרטן געשיקט אַ שיק־יינגל נאָך רענצל און אַ צעטומלטער געוואַרט. שלמה איז געווען אַ שווייגער, געראָטן אין זיין טאַטן, משה פייגענבוים, האָט ער די גאַנצע צייט מיט געוואַרט . . .

דער ערנסט האָט זיך ערשט יעצט אָנגעהויבן, דאָס פּראַקטישע און זאַכלעכע לעבן. אויפן וועג, די גאַנצע צייט פון טשענסטאָכאָוו ביז בענדין אין קופּע און שפּעטער אויף דער ריסאַרקע קיין טשעלאַדזש האָט ער נאָך געהאַט כוח די שמייכלען צו זיך אַליין : ס׳האָט זיך זיי, די טשענסטאָכאָווער, פאַרגלוסט אַ דיין אין דער משפחה . . .

30 יאָר ווישט זיך נישט מיט די האַנט אָן : „זיי, די טשענסטאָכאָווער״ . . . ער איז שוין אפנים אַ האַלבער טשעלעדזשער. פון דעם שמייכל ווערט געבוירן אַ ברייטער שמייכל וואָס צעלייגט אים איבער דער גאַנצער ברייטקייט פון זיין רביש־רבנישער באָרד, אַזוי איז ער אַראָפּ פון דער ריסאַרקע, אָבער ביז ער איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין האָט אים די צעבראָכנקייט און צעשימלטקייט גאַנץ אַרומגענומען — אַן אימבאַהאָלפענע אומזיכערקייט !

אסתר איז שוין געווען אַ האַלבע טשענסטאָכאָווערין געווען אייניקע יאָר ביי די מומע גיטל אין געשעפט, זיך אויסגעמענטשעלט, געוואָרן גרויס־שטאָטיש, געווען פאַכאַזשע צום טאַטנס משפחה געווען זאַכלעך, פּראַקטיש און אויך פאַרשטאַנען צו האַלטן אין זיך און צו דריקן אין זיך.

צימעלע, די דאָרפישסטע פון אונדז, אַן ערד־געבונדענע, אַ פויערישע, אַן חכמות איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אויסמענטש. אַז קיינער האָט נישט געזען האָט זי געהאַלטן אין איין וויינען ; אָפּגעלאָזט דאָס געוועלב, די שטוב און ס׳איז איר אויך נישט מער געווען קיין אונטערשיד : ס׳גייט דאָך אַלץ סיי ווי אין דער ערד אַריין . . . ס׳בלייבט דאָך סיי ווי גאָר נישט איבער . . . ס׳הויז איז אויך שוין נישט אונדזער . . . די פּאָליצעס ווערן אויסגעליידיקט און קיין אַנדערע סחורה קומט נישט אַריין . . .

עפּעס אַ מין חרפּה, אַ רחמנות צו זיך אַליין האָט זי אַרומגענומען. קיינער אין הויז איז זי נישט מער אָנגעגאַנגען. אפילו אַז מיין חבר אברהם איז אַריינגעקומען איז זי נישט מער רויט געוואָרן . . . און אויב זי וואָלט עס געוואָרן, וואָלט עס געווען אַ גאַנץ אַנדערש, פון בושה . . . זי איז פון טאָג צו טאָג אַלץ מער פון פּנים אַראָפּ.

אַז איך האָב נישט געפונען קיין מנוחה אין דערהיים, האָב איך זי געזוכט אין דרויסן. שרולקע דעם שוחט׳ס האָט זיך ווידער באַוויזן. זיין שטיף־ברודערל איז שוין געווען דערוואַקן און ער האָט עס נישט מער געברויכט צו וויגן. זיין שוועסטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ בחור פון דער גערער ישיבה און פאַמע־

לעך אָנגעהויבן איבערנעמען דעם שווער׳ס שחיטה. קודם מיטגעגאַנגען כלומערשט אין שאַכט־הויז אַריין זיך לערנען בדקענען. אַ חלף־שטעלן האָט ער שוין געקענט, און גענומען שחטן. די קצבים זיינען געווען צופרידן פון דעם געשיקטן יינגערמאַן און דאָס גערער־שטובל האָט מיט אים געהאַלטן.

עס איז נישט געווען דער זעלבער שרולקע! אויסגעוואַקס א ריזן יינג וואָס האָט פאַר גאָרנישט קיין מורא — די קלעפ פונם ווילד־פרומען פאָטער, דאָס קנייפן פון דער שטיף־מוטער האָבן דאָס פלייש אים פארהאַרטעוועט; דער פאָטער ציטער שוין איצט פאַר אים, און די שטיף־מוטער חנפט זיך צו אים. די גראָבע פאות אָפּגעהאַקט, די ייביצע אונטערגעשניטן און פולע טאַשן מיט געלד; אין די פינסטערע נעכט גייט ער מיט די מוליכער. חיים שיבער און פיעראָן גייען אים פון דער זייט; ער וועט נישט מסרן, אָבער געבן אין די ציין, אז מ׳וועט האָבן וואָס אויפצוקלויבן.

כ׳האב אים דערזען, האָב איך מיך דערפרייט, — ער מיט מיר אויך, וואָרום ס׳האָט זיך פון אים געשיט, פון א צעריסענעם זאַק! —אבער ער האָט אָנגעהויבן מיט אזא מין פארענדערט גראב קול, אז איך האב מיך דערשראָקן פאר אים: „כ׳זאָג דיר, אברהם נחום, לאָמיר זיך קויפן צוויי קאַרביט־לעמפּ און בלאָע משייניקלעך און גיין אויף דער קאָפּאַלניע — מיט דיר וואָלט איך געגאַנגען אין דער ערד אַריין! פאַרטאָגס, ווען כ׳קער מיך צוריק מיט די מויליכער, מיט די חברה שקצים פון דער „נאַכט־אַרבעט" — שיקסעס פעלן אונז נישט, זיי שלעפן זיך אונז נאָך ווי די סוקעס . . . גאַנצע גאָנשלעס בראָנפן שלעפן מיר און זעק מיט שאָקעלאַדע . . . פאַרטאָג, ווען זיי גייען צו דער „שיכט", דריי איך מיך מיט אריין מיט זיי, נישט מיך אדורכצושוואַרצן... עס גייט זיך אַנדערש! די אָביעשטשיקעס גייען זיי, מיט דרך־ארץ אויסנוועג . . . אויף אונז טאַטשען זיי ווי אויף קרוליקעס . . . צוואַם מיט די גורניקעס גייט זיך ווי אַמזמור — וואָס מיר א פאַס, וואָס מיר געשוואַרצטע סחורה . . . מ׳גייט איבער דער גרענעץ ווי איבער אַ לאָנקע . . . כ׳וועל אַלץ אוועקוואַרפן און ווערן א גורניק!" ער כאַפּט ארויס אַ „בלאָק" שאָקאָלאַדע פון טאַש ארויס און דערלאַנגט מיר, איך האָב מורא זי צו נעמען, זי אָנצורירן, ערשטנס זיינען די פרייסישע שאָקאָלאַדעס טריפה און צווייטן זיין גראָב קול, און דאָס מיט די שקצים און שוקסעס" . . .

בליק־שנעל האָט ער דעם „בלאָק" צוריק אַ שטעק אַריינגעגעבן אין טאַש אַריין, אָביעשטשיקעס זיינען געגאַנגען אין אַ לאַנגע ריי מיט האַנטעכלעך אונטער די אָרעמס און געזינגען. זיי זיינען געגאַנגען צו שטראָכליצן אין שוויץ־באָד אַריין. מיר זיינען זיי, אויף דער פּאָטשענע, אין מאַרש נאָכגעגאַנגען, זייער ליד שטיל מיט־געזינגען, שרולקע האָט זיך מיט „אריינגעשוואַרצט" אין באָד אַריין און איך בין ארויף אין בית־מדרש.

אַ פוסטע ליידיקייט, א קלעביק שווייסקער ווילגאָטש קומט פון צווישן די ברעטער. הינטן זיצט דוד דעם געלן ראובנס, דער מתמיד און טריפט קורצזיכטיק מיט דער נאָז אין דער גמרא אַריין, מיט אַזאַ הייזעריק־גריזשעדיק



קוויטשעדיק קול.

וואָלט ער געהאַלטן ביי אַ ברייטער אַגדתא מיט גרויסע גמרא־אותיות, וואָלט איך מיך צו אים צוגעזעצט . . . קוים מען ׳עט דאָס שטיקעלע גמרא־פּיצעלע אַרויס פון די גרויסע שטיקער רש״י מיט תוספותן.

איך ווייס, אז אברהם זיצט איצט אין שטובל און וואַרט אויף מיר. ער לערנט מיט א ניגון, אבער ער וואַרפט בליקן צו דער טיר צו איך באַוויז מיך. אז איך קום, הייסט ער מיך אַריינקוקן אין דער גמרא און אים אויסהערן ווי ער זאָגט פון אויסנווייניק.

זיין נערוועז אויפשפרינגען ביים דערזען מיך, די דימפיקע שווייסיקייט וואָס גייט פון אים, פון זיינע הענט . . . אז ס׳איז קיינער נישטאָ מער אין שטובל קריג איך מורא פאַר אים, כ׳וואַרף אַוועק די גמרא און אַנטלויף, ער לויפט מיר נאָך: „אברהם נחום, וורום נחומל", ער נעמט מיך פעסט אַרום: „ווייסט דאָך דער נייער מורה־הוראה, ר׳ לייב הערש, ציט זיך קומענדיקער וואָך אהער, ער הייבט אן צו לערנער א שיעור „יורה דיעה", ער האָט אונז געהייסן לערנען חולין, דעם דריטן פרק. איך קען אים שוין באלד אינגאנצן פון אויסנווייניק— דו ביזט דאָך אויך שוין אַ גאַנצער בחור, א בר־מצווה, זעץ דיך אַנידער וועלן מיר איינחזרן דעם פרק". פון זיין מויל גייט עפּעס אזא מין זיס־זויערלעכער ריח, איך רייס מיך אַרויס פון אים און אנטלויף.

דער מאַרק איז ליידיק. די אַראָפּגעפאַלענע ליפּע־בלעטער פון די ביימער אַרום דעם מאַטקע־באָסקע־פּאָמניק זיינען צעבלאָזן איבערן מאַרק. עס גייט פון זיי אַ וואַנענדיק נאַסער־מיכעץ. מ׳זעט קיין מענטש נישט. ס׳גייעס מיט די אונטערגעוואַקסענע זיינען אויף די קאָפּאַלניעס, אויף די קאַרטאָפל־פעלדער. די יידישע בעל־מלאכות מיט די גרעסערע יינגלעך זיצן ביי די וואַרשטאַטן. ס׳קליינוואַרק אין די שולעס, ביים דרדיקע מלמד אין חדר. ס׳איז פוסט ס׳איבלט מיך פון דער ליידיקייט. אַריינדרייענדיק מיך אויף דער פשעדמיעשטשע, שפילט א קאַטערינקע. קליינוואַרק האַלטן זיך ביי די הענטלעך אין האָצקען אונטער, צום טאַקט פון דער שפילנדיק מאַזורקע . . .

אַהיימלויפן צום טאַטן און זוכן שוץ ביים אים, מיך זעצן צו אים צי דער גמרא, אז ער אַליין דרייט זיך אַרום מיט א צעבראָכענעם קאָפּ? אויסהערן די מאַמעס מעשיות און איר צובאָמקען? אָנקוקן אסתר אָנגעצויגן בייז און פרעמד פנים ווי זי קוקט אין ביכל אַריין? און צי זע איך דען נישט, ווי צימעלע זיצט גאַנצע טעג און וויינט?

כ׳בלייב שטיין. דאָס שפּילן פון דער קאַטערינקע, דאָס טאַנצן פון די קינדער, עס איז אין מיר אזוי גיט, אזוי טאַנצנדיק . . . ס׳איז אַ לאָמער קאַטערינקאַזש, אָבער נישט דער זעלבע, אַן אַנדערער . . . ס׳איז שוין אוודאי 10 יאר! . . . און ווען וועט קומען דערלאמער מגיד ווידער, מיט די קוליעס . . . ווען ער האָט גערעדט איז אַזוי גוט געווען אויפן האַרץ, אזוי זינגענדיק גלאַטיק, אזוי ניגונדיק־שטיל . . .

כ׳בין אַזוי נאכגעגאַנגען, נאכגעקוראָכן דעם קאַטערינקאַזש ביז כ׳בין געב־

ליבן שטיין ביים וואַסער . . . און יעדער גאַס האָבן זיך באַוויזן אַנדערע קינדער . . .

חמיה שטאָרכליצס בית מדרש איז נישט געווען ווייט, בין איך ווידער אַרויף. דוד איז נאָך אַלץ געזעסן מיט דער טריפנדיקער קורץ־זיכטיקער נאָז און געטריפט אין דער גמרא אריין. דאָס הייזעריק קוויטשעדיקע קול האָט נאָך אַלץ אזוי געגריזשעט אָן שום טאָן־ענדערינג. כ'האָב מיך צוגעזעצט צו אים, ס'איז געווען די גמרא חולין, דער דריטער פרק. כ'בין געבליבן זיצן אַזוי ביי אים ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין. דאָס איינטאָניקע קוויטשידיקע געגריזשע האָט מיר גוט געטון, דעם אומרו אין האַרץ מיר איינגעשלעפערט . . .

2

לייב הערש'ס קומען קיין טשעלאַרזש האָט מיך גאַנץ אַרויסגעריסן פון מיר, פארגעסן אין אַלעם. אַ באַגייסטערטער־באַרוישטער, א צעטומלטער־צעתמטער פון זיין ברייטן שטאָט, פון גרויסן פאַרנעם, פון זיין שיינעם און געקעכלטן אויסזען פון זיין שטראַלנדיקער הלבשה: די זיידענע און סאַמעטענע כאַלאַטן, אין שטוב, די אַטלאַסענע קאַפּאָטע און קאַפּטן ביים אַרויסגיין, די ווייכע לאַטשן און די זשעמשענע שטיוועלעך. די פיאה־פלעשלעך און דער הויכער ליכטיקער שטערן אונטער דעם פלושענעם ברייטן קאַפּעלוש, די פייערדיק־פונקלדיקע אויגן און די בלאָנד־פלאַמיקע באָרד און דער ברענענדיקער גאַנג, און דער פלינקער באַוועג און דאָס ווילדע מישן א ספר, דער פעסטער נעם ארויס א שווערע גמרא פון דער העכסטער פּאָליציע — עס האָט אן אימה אָנגעוואָרפן און ס'איז געווען שיין צוצוקוקן.

טויזנט יאַכמעס איז געווען יעדער טאָג, אט זיינען די מעבל געקומען, סאַמטענע סאָפקעס און פלושענע „פּאָטער־שטולן". אַלטער פאָרט אן מיט די ספרים און איך העלפן אויספּאַקן: איינס און איינס און אין נייעם גלאַנציקן לעדער געבונדן און גאָלדן־געליישט, און דאָס ווילנער ש"ס מיט די אַלפסן — אַ צענטנער יעדע גמרא! און אָט קומט די בריטשקע אָנצופאָרן מיט עטשען און די קינדער.

עטשע איז געווען אַ שטילע און אינגאַנצן ווי די מומע טייבעלע, נאָר אַ ביסעלע קליינער פון איר און איידעלער. קיין פּיפּס פון איר מויל איז ווי כמעט נישט געקומען, איר ענטפער איז געווען אַ גוט שמייכעלע, א לאַכנדיקער בליק. אינגאַנצן אונטערן רשות פון איר, פון אַלעם באַוואונדערטן, מאַן, שטענדיק שפּירנדיק איבער זיך, זי אַ טייל פון אים, א נויטיקער טייל צו זיין דינסט, צו זיינע איינפאַלן, זיינע קאַפּריזן, ביי טאָג און ביי נאַכט וואַרטנדיק און גרייט — אַ וואַרטנדיק שטיל באַשעפעניש, גוט־מוטיק אין יעדן באַוועג, מיט פריילעך־לאַכנדיקע גליקלעכע אויגן, אָנגעברייט אַלץ פאַרליב צו נעמען.

אַ דאָרף־קינד פון אַ פרומען רייכן ישובניק, אין אַ העק אויף א גרענעץ־פּאַס, וואָס צו זעכצן יאָר איז זי שוין געווען א ווייבל אין א פעלן שייטל און געשלאָפן אין א טיפע זיידענע שפּיצן־קאָפּקע. דאָס ווייבל פון א מאַן אן עילוי, וואָס באַהערשט דאָס גאַנצע הויז און געקעכלט און געפּיעשטשעט פון אַלעם.



וואָרום דער מאַן איז בסך הכול אויך קוים זעכצן יאָר, א פלימעניק פון שווער און פון די שוויגער, וואָרים דער שווער און שוויגער זיינען אויך קוזינס ווי ער מיט זיין יינג ווייבל — געשלייפט און געקניפּ! און ווי א יתום נאָך דער מאַמען, געכאָוועט זיך ביי די מאַמעס שוועסטער, און דאָס יינגע ווייבל זיינס, עטשע, „צוויי טראָפּן וואַסער" מיט זיין יינג־פאַרשטאָרבענע מאַמע.

די פינף־זעקס יאָר קעסט אין מילעוויץ זיינען אַדורך ווי נישט באַמערקט, ווי פייגעלעך אין א נעסט . . . און אָט זיינען זיי דערוואַקסן און האָבן אַליין שוין קינדער און לייב הערש'ס נאָמען קלינגט שוין איבער דער וועלט — נישט נאָר צווישן די טשאָכאַטשעווער תלמידים, וואָס פילן זיך ווי אַן עקסטרע פריוויליגירטער כת איבער „דער חסידישע וועלט.

און דער פעטער יודע פּיוול פאַר זיין איידעם, פאַר זיינס אַ פּיפּס, פאַר זיינס א פאַרלאַנג וואָס ער ליינט אים פון די אויגן, וועט ער ס'העמט פון לייב זיך אויסציען, זיך אויסציען אין שטויב פאַר זיינע פּיס „והוי מתעבק בעפר רגליהם", ער יודע פּייוול, דער כול־יכול, דער גבר, וואָס פאַר זיינס אַ וואָרט ציטערט דאָס גאַנצע הויז.

און אצינד איז לייב הערש מרא־דאתרא פון ק"ק טשעלאַדזש, ער נעמט עס אויף מיט אַלע זיינע עילוישע־אספּיראַציעס, ברייט, גרויס, רוישיק, אויף טשאָכאַטשעווער אופן, און זי, עטשע, זיין „אשה שעושה רצון בעלה", איז אינערלעך־ליבלעך, שטיל אין זיך איינגעצויגן, אַ וואַרטנדיקע, צו אַלצדיג א גרייטע און אָנגעגרייטע מיט א פאַר גליקלעכע צעשמייכלטע אויגן און די קינדערלעך טאַנצן איר אויפן קאָפּ.

אז איך בין אַריינגעקומען איז בערישל, דער בכור ארויף מיר אויפן קאָפּ און זי איז געבליבן זיצן מיטן זייגנדיקן אין ארעם. זי האט געקוקט אויף מיר, אויף בערישלען געשמייכלט און הנאה געהאַט און איך האָב אויף איר געקוקט געשמייכלט און הנאה געהאַט, אָבער אזוי שטיל, אז אין דער צווייטער שטוב זאָל מען נישט הערן, אז דאָ געפינט זיך א לעבעדיקער נפש — לייב הערש איז געזעסן און געשריבן זיין ספר „שוח השדה", און אַלטער ביי עק־טיש איבערגעשריבן, אויף ריין, גרייט צום דרוקן.

עטשע איז געווען שטיל, ס'קינד איז געשלאָפן ווי אַ מלאכל אין איר אָרעם, און איך האָב געוווסט וואָס ס'טוט זיך „דרינען", און האָב געוואַרט אַלטער זאָל ארויסקומען און מיר זאָלן „זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין". אדער זיך אראָפּלאָזן צו יחיאל בעקער אין דער פּיעקאַרניע אַריין און שפּילן א פּיר־הענטיקע אָקע מיטן שיבער און מיטן קנעטער. און בערישל וואָס האָט געריטן אויף מיין פּלייצע האָט געהאַלטן אין איין לעקן צוקער־פּאַפּיר. דאָס איז געווען די איינציקע מעגלעכקייט אים שטיל צוהאַלטן, ער זאָל נישט אַרומבראָיען.

דאָס צוקער־פּאַפּיר איז געווען פונם צוקער־קוכן (דעם וואָלבעראָמער צוקער־קוכן, וואָס די מומע אסתר רייזל האָט פראַדעלען אויסגעלערנט באַקן, אין יענעם טאָג לכבוד לייב הערשנס קבלת־פּנים) וואָס פראַדעלעס מאַן, דער וואָרשעווער יינגערמאַן מיט די גאָלדענעברילן און צוגעבערשטן בערדל, פון

דער צוקערניע האָט יעדן פרימאָרגן אַרויסגעבערענגט צו לייב הערשן אין שטוב אַריין. עטשע מיט די קינדער זיינען נאָך געשלאָפן און אויפן טיש איז שוין געשטאַנען א גלאָז אנגעוואָלענע קאַלטע מילך מיט דיקער הויט, אוועקגעשטעלט נאָך פאַרן גיין שלאָפן.

פון שנעלן אָפּגעכאַפּטן דאַווענען, אויף טשאַכאַטשאָווער־קאַצקער שטייגער זיינען מיר אַרויסגעקומען. לייב הערש האָט געשניטן דעם פרישן לעקעך, פאַרטרונקן מיט די מילך און אונז אויך געטיילט גרויסע חלקים. פאַר אים איז עס געווען אַ גאַנץ געווינס, מען ברויך זיך נישט צו וואַשן, מ׳ברויך נישט צו בענטשן, פלינק שנעל, און פאַר אונז, אַזעלכע שטיקער צוקער־קוכן יעדן פרימאָרגן איז עס געווען אַ פריילכע סעודה.

דער צוקער־קוכן איז געווען יידע פייוולס אויפטו, קודם, האָט דער איידעם, פראַדעלעס, דער חלוצה׳ס, צווייטער מאַן, דער צוקערניק, עפּעס צו טון, און יעדן פרימאָרגן א זיכערן מזלדיקן פדיון, א סגולה צו שלום־בית.

אַ גאַנצן פרי־מאָרגן, נאָך דער קנוח־סעודה, איז לייב הערש אזוי געזעסן און געזיבערעוועט שטיקער טור מיטן ב״ח און בית־יוסף, פלוצלינג אויפגעשפרונגען און אָנגעהויבן ריידן אויף יידיש און גענומען וואַרפן פון די ספרים־שענק גאַנצע שטויסן איינס אויפן אַנדערן, ווילד מישן, דאָ א ספר אָפּן לאָזן, דאָס בייז צוקלאַפּן, און פלוצלינג אינגאַנצן פארשווינדן געוואָרן צווישן אַזעלכע צוויי שטויסן מיט ספרים און געשריבן און געמעקט און ווידער געשריבן, און מיט אַמאָל ארויס א לאַכעדיקער־צעקלינגטער, פונקט ווי די בלאָנד־גאָלדענע, ווי די פיאות־גלעקלעך וואָלטן דאָס אַזוי געקלונגען און גערעדט צו זיך מיט א נצחון־קול: „אז ער הייבט נישט אָן צו וויסן וואָס ער רעדט״. אפנים מיינט ער דאָס דעם וואָס ליגט אַוועקגעלייגט דאָרטן צווישן די שטויסן מיט ספרים.

כטוב לבו האָט ער מיט קורצע שטיך־ווערטער אונז נאָך געזאָגט דעם אויפטו. עס געצויגן מיט די פינגער פון מויל אַרויס, ווי שטיקער איריסן וואָס ציען זיך, און מ׳האט בפירוש געקאָנט זען, פון דער הנאה אין זיינע אויגן, ווי זיס דאָס מוז זיין.

גאַנץ אַנדערש האָט עס שלמה געטון, ער האָט זיינע פשטלעך אונז געלייגט מיט די הענט אין מויל אַריין . . . ער האָט ס׳תוספתל צוערשט־אויסגערעדט און דערנאָך עס גענומען דרייען און דרייען, אז ס׳האָט אָנגעהויבן טאַנצן פאַר די אויגן, א לעבעדעקס. מ׳האט זיי בפירוש געזען דעם רבינו תם, דעם רבינו חננל, רש״י הקדוש און אַלע מפרשים.

דאָס יידישע וואָס לייב הערש האָט געזאָגט, דעם אויפטו האָב איך געכאַפּט. וואָס הייסט געכאַפּט? ווי אַ יינג קעצל וואָס יאָגט זיך נאָך א קלעצל פאָדים וואָס פאַלט ארויפּ פון א שויס. עס יאָגט זיך, עס יאָגט זיך דעם שפּיץ צו כאַפּן; מסתם פלינקער ווי דוד וואָס האָט געשטעקט מיט דער טריפּנדיקער נאָז אין „טור״ און קודם געוואָלט פאַרשטיין דאָס האַרבע שטיקל בית יוסף; גיכער ווי אברהם, וואָס האָט געקוקט אויף לייב הערשס איידעלע הענט וואָס ציט מיט זיי ווי סטענגעס פון מויל, אָבער זיין קאָפּ איז אַלץ מעלה־גירה



דעם דריטן פרק חולין פון אויסנווייניק.

אַביסל פון זיצן ביי דער גמרא מיט דודן, אַ ביסל פון אויסהערן אברהמען פון אויסנווייניק איז מיר דער ענין דאך נישט געווען פרעמד. און זעענדיק לייב הערש פליענדיקן בליק, און הערנדיק זיין פריילעכע צעזינגענדיקייט, בין איך מיטגעפלאַטערט: „מילא, לפי־זה, איז דאך געדרונגען״ . . .

און לייב הערש קוקנדיק אויף מיר, זעענדיק מיין „אויפנעמען״, ווי „כ׳גיי אים נאך״ מיט מיינע פליענדיקע אויגן און ווי ס׳פלאָשן זיך מיינע פאות, איז געווען זיכער, אז כ׳בין אים תופס . . . ער אין מיינע יארן האָט ער נישט געהאַט גאַנץ חולין מיטן „ראש״ אויפן קאָפּ? זיין בליק פאַלט אויפן צוקער־פאַפיר, דעם נשאר פונם קוכן . . . און ער זעצט זיך צום „טור״, איינהאַלטנדיק אַ שמייכל...

בשעת זיבערעווען די שטיקער ב״ח און בית־יוסף אָבער, נישט פאַרשטייענדיק דעם צוזאַמענהאַנט, בין איך געזעסן אַ צעטומלטער, א טרויעריקער, געטראַכט פון דעם וואָס ס׳טוט זיך אין דער היים . . . פונם אַוועקציען . . . פון שלמהן . . .

אזוי זיצנדיק אין מיינע הוריות האָב איך מסתם אויסגעזען, ווי דעמלט ווען אויפן בוידעם אברהם האָט מיר דערציילט די „מעשה מג׳ אחים״ . . . איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, דערפילנדיק דעם ציטערנדיקן קיצל, ווען אברהם האָט מיר געגעבן אַ טאפּ ביים ווייכן פלייש פון מיין שויס . . .

לייב הערש ווערנדיק מורה־הוראה אין טשעלאַדזש האָט געהאַלטן אין מיטן שרייבן זיין ספר „שוח השדה״ — א פאַרנעם אויף א ווייטערן „שאגת אריה״. נאך די ערשטע וואכן, בארוישט פון זיין רבנות שטעל, פון זיין יינגלישעלוישן ראָזמאַך פון קהלשן שטאַט־פירונג, האָט ער זיך צוריק, אריינגעוואָרן מיט נאך מער ברען און התמדה אינם שרייבן פון זיין ספר.

אין די מארגן שעהן אבער האט ער געוואָלט נאך אמאל אַדורכגיין די „ארבעה שולחן־ארוכס״ — נאך די מעשה וואס „די וועלט האט געקאָכט״ אז ר׳ יוסף ענגל דער ראש־בית־דין פון קראָקע, האט געפסקנט א שאלה פונק קאַפּויער — אין אזוי ווי אַלץ מורה הוראה פון שטעטעל האָט ער געמוזט לערנען א שיעור מיט די דערוואַקסענע בחורים, האָט ער מיט אונז געלערנט „אויף הוראה״ . . .

אברהם האט שוין גענומען לערנען „מליחה״ „בשר בחלב״ „תערובות״ פון אויסנווייניק, און שבת ביי אונז אין שטוב דערציילט, — אזוי אז צימעלע זאָל הערן, — אז אין א יאָר ארום וועט ער נעמען „סמיכה״. צימעלע איז אַריינגעלאָפן מיטן פנים אין דער שארץ אין דער קיך אַריין מיט אַ געוויין. דער טאַטע האָט נישט געהאַט קיין קאָפּ אים אויסצוהערן שטיקער בית יוסף פון אויסנווייניק. און אויסגעלאָזן זיין הלצה צו מיר: „און דו, תנא־באַרטעק, וועסט ווערן זוואָלינער רב״ —

דאס איז געווען אן אָנצוהערעניש אויפן גזשיכעווער גבירס איידעם, נישט קיין גרויסער תלמיד־חכם, „בעל־סמיכה״, מיט כוח פון רבינס חסידים און שווערס געלד איז געוואָרן זוואָלינער רב . . .

דער טאַטע האָט באַשלאָסן מיך צושיקן קיין סאָסנאָווצע צו שלמהן אין דער ישיבה! קודם וועט עס זיין א סך געזונטער פאַר מיר, איך זאָל אין דער היים נישט זיין, בשעת די היים ווערט אויפגעלעזט. עס וועט מיך אינגאַנצן שוין צעשרויפן! און דאָ קומט נאָך צו דאָס לערנען „אויף הוראה“ . . .

איך, הערנדיק, „סאָסנאָווצע“, איז געקומען אַ נייע „יאַכמע“ איבער מיר: סאָסנאָווצע, מריםביילע מיט די קינדער, שלמה . . . עפּעס פעלט זייט זייער אַוועק פון טשעלאַדזש. א שטיקל טרייסט איז מיין נייער חבר אַלטער. ער וויל גאָר נישט פון מיר, ווי איך נישט פון אים. מיר האָבן זיך כסדר עפּעס צו דערציילן. טויזנט מאָל דאָס זעלבע, און ס׳איז כסדר ניי . . . מאָדנע!

אַלטער איז עלטער פון מיר, אפשר מיט א יאָר, סטאַלער און גרויס־שטאָטיש, כאָטש ער איז קלענער פון מיר. זיין געהאַקט ייביצל מאַכט אים שוין פאַר אַ גאַנצן חתן בחור, ער שפּרינגט נישט איבער מאַרק ווי איך, ווי א ווילדער בריאה, ער גייט סטאַטעטשנע. און זיין דערציילן איז עפּעס מיט אַ ניגון . . .

מיר האָבן זיך טאַקע זייער שנעל פאַרחברט. האָט אים נאָר לייב הערש אָפּגעלאָזן פונם איבערשרייבן זיינע כתבים האָבן מיר זיך ביידע „געלאָזט אין דער וועלט אַריין“, צי די קאַלק־אויוונס, אויף די לאָנקעס צום „סאַטירניע“־וועג, צו יחיאל בעקער כאַפּן אַ קארטל, — די שוואַכקייט האָט ער שוין „בירושה“ מיט געברענגט פון זיין פאָטער, הענדלען, און מיך אויך אָנגעשטעקט שוין. איז דער שיבער, אָדער דער קנעטער געווען פאַרנומען און ס׳האָט געפעלט א פירטע האַנט, זיינען מיר אַריבער צו דער זשיקע און געמאַכט „קאַטשקעס“ איבער וואַסער, אָדער ער האָט מיר דערציילט פונם באַרימט סאָסנאָווצער מלמד משהלע רייך, וואס „גאַנץ סאָסנאָווצע“ ציטערט פאַר אים אימת־מות, אין די גרעבסטע קעפּ האַקט ער אַריין אַ תוספות מיט א שייט האָלץ — קאַליקעס מאַכט ער פון די יינגען! און די טאַטעס וואָס האָבן ביי אים געלערנט, שיקן צו אים זייער קינדער . . . זיי זאָלן האָבן א פעולה . . . שוין איין מאָל אַ פעולה!

ווי טרושיקלעך זיינען מיר צוריק געקומען אין שטובל אַריין פון אזא „לויפן אין דער וועלט אַריין“, איידער נאָך דער עולם איז געקומען צו מנחה און זיך געזעצט ביי א גרויסן „יורה דעה“. אברהם׳ס טרויעריקער בליק ווען ער האָט אונז ביידע געזען אַזוי ביים „יורה דיעה“ האָט מיך געמאַכט אויפציטערן . . .

אברהמ׳ס שוואַכקייט צו מיר, איז נישט נאָר געווען פון א דערוואַקסענעם צו א קלענערן פון אים, אים אויסצונוצן, נאָר זיין שטיל־געפיל די צימעלען מסתם . . . נישט געפונענדיק דעם וועג צו איר . . .

זי עלטער פון מיר מיט אַ יאר, א צווילינג פון א פאַרשטאָרבן ברידערל, בענקענדיק נאָך אים, האָט זיך אפילו גענומען איינריידן, אַז איך בין איר צווילינג ברידער, אזוי ענלעך בין איך געווען צו איר, און גרויסגעוואַקסן, ווי צוויי טראָפּן וואַסער.

אָבער אברהמס גוטסקייט צו מיר, זיין מיר וועלן העלפן האָט אים נאָך מער אפגעשטויסן — „דאס גיין „צום שיער“ איז מיר נמאס געוואָרן! זיין מיך



אָנכאַפּט ביים דיקן פּליים אונטערן טיש, מכלומרשט מיך אויפצוועקן „וואס איך זיץ ווי גולם“, האָט מיך געמאַכט אויפשוידערן ביז קראַנקהאַפּטיקייט. איך דערפיל אין פאָרן קיין סאָסנאָווצע מיין איינציקע רעטונג . . .

צומאָרגנס, נאָכן אויפעסן דעם גרויסן חלק צוקער־קוכן און לייב הערש האט גענומען אויף דער גיך זאָגן שטיקער ב״ח און בית־יוסף. לייב הערש שנעלע געזאָג, דוד׳ס גריזשעדיק געקוויטשע, אברהמס און אַלטער׳ס ווילן איבער יאָגן אינער דעם צווייטן און בער׳ס איינטאָניקע, טויבע אונטערברומען, האבן מיך אינגאנצן ווי איינגעשלעפּט, און איך בין געזעסן מיט מיינע גרויסע אָפענע אויגן איינגעוועבט אין מיינע טראַכטענישן, ווי אן אָפּגעשטאַנענע גרויסע פליג אין אַ געזום געכאַפּט אין א פעטן נעץ־געוועב. דאָס נעץ איז א דיקס. א פארשטויבטס, נאר די שפין וועבט אַלץ ווייטער ווייטער, און די דינע פעדעם רייסן זיך און וייקלען זיך: סאסנאַווצע, סאסצנאָוו — סע, סאָססס: מיין ערשטע אַוואַנטוריסטישע נסיעה מיט אברהמען . . . ער ברענגט פון זיין חדר אין בענדין די נייעס, אז אין סאָסנאָווצע איז אַ 20 קאָפּיקאווע געשעפט, מ׳קריגט די אַנטיטשנעסטע זאַכן . . . א ריכטיק שפילנדיק פידעלע מיט סטרונעס, מיט א ריכטיקן סמיטשעק, געמאַכט פון האָר פון א פערדישן ווינדל, אָנצושמירן מיט קאַליפאָניע . . . מיר לאזן זיך אויפן וועג קיין סאָסנאָווצע. דירעקט איבער די קאָפּאלנעס האבן מיר נישט געוואגט, מיר האָבן מורא געהאַט . . . אבער מיט גלייכן שאָסיי באַלד פאַרטאָגס קיין בענדין, פון בענדין, פון דער אַלטער סטאציע פאר 4 קאפּיקעס קיין סאָסנאָווצע, אויף האַלב בילעטן אהין און צוריק.

מיר קומען אָן מיט 20 קאָפּיקעס צו קויפן דאָס פידעלע . . . די געוואַלטיקע סטאַציע! ביי ארויסקומען דער געוואַלטיקער פלאַץ!! דרויסן זיצט א קליין יידעלע מיט איריסן און שאָקעלאַדעלעך, די זעלבע וואָס ביי קליין חיימלען . . . אברהמס דערקלערן מיר אויפן וועג, פאַרוואָס קליין חיימלע איז אזוי קליין און קיילעכדיק און פעט און פאַרוואס, ער האָט נישט קיין בארד און קאן נישט האָבן קיין קינדער . . . ער איז א סרוס! און דא דאס קליינע יידעלע איז קליין און מאָגער און האָט אזא לאנגע בארד, אז ער פארדעקט אזש מיט איר דאס גאנצע קאָשיקל . . .

איך פאַרגעסט דאָס שפילנדיקע פידעלע, דאָס צוואנציק קאָפּיקאָווע געשעפט . . .

איך נעם אַרויס די זילבערנע 20 קאָפּיקעס און געב אים ער זאָל מיר געבן אן אירעס פאר א גראָשן . . . איבער איין גראָשן וועט מען דאָך אין צוואַנציק קאָפּיקאָווע געשעפט נישט אַרויסלאָזן קיין קונה . . .

די איריס איז שוין ביי מיר אין מויל! מסתם, ווייל ס׳יידל ס׳האט נעבעך נישט אַרעשט צוגעבן, קוקט עס אן זיין „קונה“ מיט א פאר טרויעריקע כיטרעשמייכלעדיקע פארטרערטע אויגן: „יינגעלע, די צוואנציק קאָפּיק זיינען פאַלטש, פערדריי מיר נישט קיין קאפּ געב מיר א גראָשן און לאז מיך געמאך“. ארום דעם טומל מיט צוויי פראָווינצער יינגלעך זאַמלט זיך אן עולם. מיר קריגן מורא:

„פאַלטש געלד“ . . . אין וואס וועט זיין מיטן שפילנדיקן פידעלע . . . דער ייד קריגט מורא, קומט ער אַרויס מיט אַן אנדערע טענה: „ס׳איז א וודאי א געגנבעטער פערציקער, ווי קומט צו דיר א פערציקער? . . .

אונזער איינציק קאַפּיטאַל באשטייט אין דעם זילבערנעם 20 קאָפּיק־שטיקל, וואס דער ייד האַלט אין זיין האַנט . . . איך פאַל אויף אַן המצאה: איך כאַפּ אַרויס דאס זיידענע גערטעלע, וואס איך טראָג תמיד אין מיין טאש און געב עס דעם ייד פאַר א משכון אויף דעם גראַשנדיקן איריס — — — כ׳שפּיר ווי אברהם גיט מיר א טאַפּ ביי דיקן פלייש, און איך ציטער דערשראָקן אויף: לייב הערש זיצט צווישן א שטויס מיט ספרים און שרייבט און מעקט און שרייבט און מעקט. דוד טריפּט מיט דער נאָז אין „טור“ אריין און גריִלצט שטיל אונטער, בער מיט אַלטערן סארפּען זיך איבער א שווער שטיקל און אברהם הייבט אַן כלומרשט מיר צו דערקלערן אין וואס דא גייט.

לייב הערש קומט צוריק א בייזער און מיר האבן ווידער אַן צו לערנען. אָבער דאס מאל נישט געזיבערעוועט, פאַרטיפט, מיט א ניגון: „ועכשיו לפי דעת הר״י ועכשיו, ועכשיו“, גראָבט ער זיך אַלץ טיפער מיטן ניגון, און מיר זינגט עס אין קאָפּ: „סאס־נאוו־צע, סאָס־נאָווצע, סאָ־אָ־וו“:

יעקב יוסף׳ס פדיון הבן, מ׳האט אים אָנגענומען מיט „קלישעס“ . . . די מאַמע האָט דערהערט, „קלישעס“ האט זי גענומען חלשן . . . די קימפּעטאָרין, מרים ביילע איז קוים לעבעדיק געבליבן . . . ביז צו דעם פדיון־הבן איז דער 18 יאָריקער, טאַטע, קוים מיט א חתימת באָרד פארנומען מיט שרייבן שאלות־ותשובות קיין קינצק, קיין טשאַכאָטשעוו. ס׳האָט זיך געהאַנדלט נישט מכוח די 5 רובל פאַרן כהן, נאר דער חשש פון ברכה לבטלה — ס׳שמעקט ממש מיט סכנות נפשות!

איך, ווי א זעקס יאריק יינגל אפילו, האב שוין פארשטאנען די האַרבקייט פון דעם ענין: ברכה לבטלה, חלילה!

האָט זיך מיר פארגלוסט א שטיקל כאַלווע, האב איך געברויכט בלויז צו לויפן צו דער בלעכענע גרויסע אָוואל־פידלע און מאכן א „שהכול“ און מ׳האט מיר געמוזט געבן א שטיק כאַלווע, אז נישט — — —

ביז אסתר איז געפאַלן אויף א קלוגע המצאה: גיי צו צו דער קופּערנע שעפּ און טרונק וואסער, וועסט דו מעגן מפסיק זיין.

דאס געזונט ווערן פון מרים ביילען און דאָס געטומל ארום די שאלה־ותשובה, איז דער פדיון־הבן געפּראַוועט געוואָרן, נישט נאָר ווי א יום־טוב פון דער גאַנצער משפחה, נאר ווי א שמחה פון דער גאַנצער שטאָט.

די מאַמע איז געפאַרן מיטנעמענדיק דאָס זעקל ירושה־צירונג אויסצוצירן דאס קינד ווען מ׳וועט עס אַריינטראָגן אויף דער זילבערנער טאַץ.

דאָבעלע די שוחטקע, פאַרשוויצט פונם באַקן, פונם פּרעגלען, פונם סמאַזשן, האָט אָפּגעוואַרט די מאַמען ביי דער טיר; נישט אזוי די מאַמע, ווי דאָס זעקעלע צירונג. זי האָט איבערגלאזן דעם גאַנצן טאַראַראַם און געבאַק און אַריינגעפירט די מאַמען אין דער לעצטער שטוב, וווּ מאָטל שוחט האָט געהאַט די



אייזערנע קאַסע, און אברהם יצחק האָט דאָס זעקעלע איינגעשלאָסן. דער טאַטע האַלנדיק מיך ביי דער האַנט, איז מיט מיר אַרויף אין שלומה׳ס וווינונג, אין דער אָפּיצינע. שלמה האָט זיך דערפרייט מיט אים ווי מיט איינעם, — פון הימל אַראָפּגעשיקט! — וואס קאָן אים העלפן אין א גרויסער מבוקה.

און בשעת שלמה האָט דעם טאַטן דערקלערט מיט התפעלות די אַלע אויפטואונגען פון טשאָכאטשעווער און קינצקער. אז קיין ברכה טאָר מען נישט מאַכן, איבערן חשש פון ברכה לבטלה, נאָר שהחיינו יאָ, אָבער בתנאי, אז מ׳זאָל תיכף־ומיד נאָכעסן א פרישע פּירה, איז אין דער לעצטע רגע אריינגעפאַלן, ווי מעשה־שטן, א נייער שווערעקייט, און דאָ גייט עס נישט סתם אין פּילפּולים, נאָר אין א הלכה־למעשה: דער פדיון־הבן איז, היינט, און ס׳איז גראָד די „ניין־טעג“.

מילא, אז ס׳זאָל זיין אַ סעודת־מצווה און מ׳זאָל מעגן עסן פלייש, און גאַנץ סאָסנאָווצע גרייט זיך שוין דערצו, האָט ער אָנגעגרייט אַ סיום אויף א מסכת אבער מיט שהחיינו? . . . דער קאָפּ שפּאַלט זיך אים ממש! דער שטויס ספרים אויפן טיש וואַקסט, און דער טאַטע קוקט אויף אים מיט א שמייכל אין דער באָרד און מיט רחמנות אין די אויגן . . . אין וועמען גראָבט ער אַריין מיט זיין פויערישער פרומקייט, אין די האָלטעקס, אין „הייליקן איינבינדערל? עפּעס אַ טשעלעדזשער גורניק מיט אַן אייזערנער האַק: יקוב הדין את ההר . . .

כ׳זע אַז דאָ טויג עפּעס נישט, און דער גאַנצער עסק לווינט זיך מיר נישט. עס לאַנגווײלט מיך. צו די ווייבער לאָזט מען מיך אויך נישט אַריין, זיי טאָן זיך שוין אָן צו דער שמחה.

כ׳לאָז מיך אַרויס אויפן הויף. עס איז סכנותדיק הייס, דעמפּיק און רויכיק, נאָך בייסט עס מער אין די אויגן, ווי אין טשעלאַדזש . . . דאָס טירל פונם גערנטל שטייט אָפן, עס פאַרנעמט די גאַנצע לענג פאַר די פענסטער. גאַנץ הינטן, אין ווינקל ביי דער רינע, שטייט אַ פאַס טיף איינגעגראָבן אין דער ערד און פול מיט רעגן־וואַסער. איך מאַך נישט קיין לאַנגע שהיות, כ׳טו מיך אויס און שפּרינג אַריין. ס׳איז קאַלט, דאָס וואַסער גייט מיר ביז צו דער געמבע, איך קאָן נישט אַרויס און הייב אָן צו שרייען מיט באַנומענע ווילדע קולות . . . אַלע פענסטער פונם 4 שטאָקיגן הויז און פון דער אָפּיצעס פראַלן זיך אויף און ס׳ווערט אַ געלעכטער איבער גאַנצן הויז אז די אָנגעגליטע שייבן פענסטער ציטערן, כאָטש זיך צו דערטרונקן אינם פאַס רעגן־וואַסער.

איך געדענק בלויז — — ניין, איך זע עס: שרה לאה שטייט איבער מיר מיט אַ האַנטוך. איך שטיי א נאַקעטער אַזוי גרויס ווי כ׳בין, אין שלאָף־שטוב אויף אַ בעט, אויף אַ שטול שטייט א שיסל מיט וואַרעם וואַסער, זי וואַשט מיך און ווישט מיך, אַזעלכע זיסע קיצלען גייען איבער מיר . . . אין דער גרויסער שטוב דרינען, ווו די ווייבער טאָן זיך אָן, הערט נישט אויף דאָס לאַכן. און איך שטיי אַ פאַרשעמטער, א רויטער, גרייט צו וויינען . . . שרה לאה גיט מיר א קוש און נעמט מיך איין: „נאַרעלע, ס׳איז דאָך אזוי הייס, און דאָס רעגן־וואַסער איז אזוי ווייך, מיר נעמען עס צו צוואָגן די קעפּ . . . פאר א

שיינע ווייכע פּיאַהלעך דו האָסט״ — —

אברהם האָט מיר געגעבן אַ טאַפּ ביי דער קני, העכער ביים דיקן פלייש; אָבער דער חלום איז געווען צו זיס . . . אָדער, אפשר, האָב איך געמיינט אַז ס׳איז שרה לאהס האַנט ביים אַרומווישן מיך . . . איך האָב דערפילט זיין שווייסיקע האַנט — — —

כ׳בין אויפגעשפּרונגען פון טיש ווי אַ ווילדער און בין אַ צעטומלטער אַרויסגעלאָפן.

* * *

14 יאָר בין איך אַלט געווען, ווען מ׳האָט מיך אויסגעסטראָיעט אַרויסצופאָרן פון דער היים לערנען אין אַ ישיבה. מ׳קאָן נישט זאָגן דירעקט לערנען, ווייל דער עיקר האָט דער טאַטע מיך אַרויסגעשיקט, נישט צו זיין אין דער היים ביי דער סאָמאַטאָכע פון ציען, און מ׳קאָן נישט זאָגן אין אַ ישיבה, ווייל ס׳איז געווען צו אַ ברודער, און אויף אַלע שבת בין איך דאָך צוריק אַהיימגעקומען.

אַ זילבערנעם רובל האָט דער טאַטע מיר מיטגעגעבן אויף אַ גאַנצע וואָך. דאָס הייסט 20 קאָפּיקעס אויף אַ טאָג צום לעבן. שלאָפן וועל איך ביי שלמהן. יעדן זונטיק וועל איך אַהין פאָרן און יעדן פרייטיק צוריקקומען.

קיין בענדין גייען ריסאַרקעס, אָבער קיין סאָסנאָוועצ פאָרט מען מיט אַ געלעגנהייט. דער מילכיקער פאָרט יעדן באַגינען צו דער איוואַנגראַדער באַן — ברענגען פרישע קאַנען מילך, פּוטער, ווייסע פרישע קעזלעך און פינטשעווער־קעז און מאַנעלע פאָרט יעדן זונטיק נאָך קאַרטאָפל.

כ׳בין דעם ערשט זונטיק געפאָרן מיט מאַנעלען. דאָס וועגעל איז געווען פול מיט ליידיקע קאַרטאָפל־זעק, האָט ער מיר אויסגעבעט אַ געזעס „פאַר אַ קעניג״. ס׳איז טאַקע געווען ווייך, כ׳בין אַריין געפאַלן אין „געזעס״ ווי אין אַ בעט־געוואַנט, אָבער אַראָפּפאָרנדיק פון אונזער גאַס אויפן וועג אַראָפּ, פונם קלאַפּן פונם וועגעלע אויף די שטיינער און פונם שנעל באַרג־אַראָפּ, האָבן די זעק גענומען קאָרזשען, איך בין געוואָרן איין הויפן שטויב. מ׳האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און איך האָב מיך אַריבערגעזעצט צו מאַנעלען אויפן ברעטל.

ס׳פערדל האָט אונטערגעטאַנצט, ס׳וועגעלע אונטערגעשפרונגען, מיר אויפן געזעס אונטערגעהאָצקעט. ס׳פערד האָט אַלע ווייל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אונז און ווי געבליצלט מיטן טריפנדיק אויג: דאַכט זיך, אַ באַקאַנטער פאַרשוין, דער צוגעקומענער . . . דאָס געהאָצקע האָט אַרויסגעהאַקט די קושקעס, אָבער ס׳איז געווען פריילעך, אַ מחיה; מיר פאָרן „אין דער וועלט אַריין״ אין דרייען: מאַנעלע און דאָס פערדל און איך — אַ נייע וועלט!

צי קומענדיק צום פּיאָסקער־וועג, צום זאַמד האָט עס אויפגעהערט צו האָצקען צו קלאַפּן, ס׳וועגעלע איז געגאַנגען פּאַמעלעך און שטיל און מיר אַלע דריי האָבן אָנגעהויבן טראַכטן אונזערע מחשבות. ס׳פערדל אַזוי פאַרטיפט אין זיך, אַז מ׳האָט געקענט הערן זיין אָטעמען. מאַנעלע האָט מסתם געטראַכט ווי אַזוי, אָנצוהייבן זיין שמועס, אַז ער זאָל זיך ציען אָן אַן ענד ביז סאָסנאָוועצ.



סאָסנאָוועצ, סאָס — נאָוו — צע: ווי וועלן זיך די קינדער פרייען מיט מיר, יעקב יוסף, הערש לייב, יונה וועלן זיך אַרויפוואַרפן אויף מיר, און שרהלע ווי שיין איז זי, אינגאַנצן ווי שרה לאה זעט זי אויס . . . און די גרויס אויגן, און ווי זיי קוקן . . . אַזוי קלוג, אַזוי שטיל, אויסצוקושן.

אַ שאָד וואָס אַלטער פאָרט נישט מיט, זיך אַזוי פאַרחברט מיט אים, אַזאַ קורצע צייט, און אַזוי זיך צעגעקלעבט צו אים . . . און די מאַמע האָט דאָך אים אַזוי ליב: „אַלטער ביזסטו אַ פּרעסער״. עופעלעך זיינען מיר ביידע ביי אירע בריסט געווען . . . כדי כ׳זאָלן וועלן זייגן האָט מיך די מאַמע ביי איינע און אים ביי דער צווייטער.

אברהם איז שוין אַ גרויסער, אַזאַ מין זיס־זויערער ריח גייט פון אים. עס שפּראָצט דאָך אים שוין האָר אויף דער געמבע, אַ חתן־בחור . . . אַז איך פאַרשטיי אים שוין אינגאַנצן נישט . . . און זיין טשעפּן זיך צו מיר . . . שוין דעמלט אויבן אין דער ווייבער־שול . . . וואָס וויל ער? אַ סך מאָל נעמט מיך אַ רחמנות צו אים אַרום . . .

איך בין געווען גרויס געוואַקסן, אויסגעזען שוין עלטער פון 14 יאָר און געקענט מיך אַריינמישן אין לערנען שוין גאָר ווי אַ גרויסער, מיט איינפאַלן, מיט אויפטוענישן, אָבער אַלץ האָט זיך אין מיר נישט געסטיסעוועט; עפּעס אַ דאָרפישע ווילדע בריאה, אַ טשעדלעדזשער קאָזע. געווען, נאָך אַ „מאַמעס־אַ־קינד״ נישט געוווסט פון דאָ ביז דאָ אַהער —

איינמאָל ,הושענה רבה״ האָט מען מיך אויך אויפגעזעצט אויף אַ וועגעלע, גאַנץ פאַרטאָגס מיך צוגעפירט צו דער באַן און אָפּגעשיקט נאָך טשענסטאָכאָוו צו דער מומע גיטל. ס׳איז אומגעגאַנגען שאַרלאַך אין טשעלעדזש, האָט מען מיך געכאַפּט, אָנגעטון יום־טבדיק, אינם נייעם שמחת־תורה־היטעלע און אָפּגעשיקט צו דער מומען — דעם וועג פון דער באַן אין טשענסטאָכאָוו האָבן איך שוין געוווּסט, ווייל כ׳בין שוין אַ פּאַר מאָל געווען מיט טאַטן אויפן זיידנס יאָרצייט.

דעם גאַנצן וועג בין איך געזעסן מיט רענצל אין דער האַנט און מיר נישט געקענט מוחל זיין, וואָס כ׳האָב פאַרגעסן מיטצונעמען די „הושענה״, ווו וועל איך אין די „גויאישן״ טשענסטאָכאָוו קריגן אַ „הושענה״ . . . אָבער ווי נאָר כ׳קום אַראָפּ אין טשענסטאָכאָוו פונם צוג און קום אַריין מיט מיין רענצל, האַלטנדיק עס אונטערן אָרעם, זע איך שטיין אַ ייד מיט „הושענה׳ס״ צו פאַרקויפן אין ווער מלא שמחה, ממש אַ באַגליקטער און כאַפּ אַרויס אַ קופערנעם פייעם און קויף מיר די „הושענה״, און אַבאַפרייטער און אַ פריילעכע מיטן קאָפּערל אונטערן אָרעם, ווי ס׳וואָלט געווען נישט אַ רענצל צום טראָגן, נאָר אַזאַ מין פּעקעלע, מיט דער „הושעהנא״ אין דער האַנט, אויסגעסראָיעט אין מיין נייעם שמחת־תורה־היטעלע, בין איך אַריינגעפאַלן צו דער מומע גוטל אין געוועלב אַריין. דערזעענדיק די מאדנע בריאה האָט זיך דאָס גאַנצע געלאַנטרי־געוועלב, וואָס איז געווען פול מיט קונים, זיך געגעבן אדריי אויס צו מיר און אויסגעפּלאַנצט מיט אַ געלעכטער, אַז עס האָט מיך איצט נאָך אויפגעוועקט פון מיינע רעיונות, און דערזען, אַז מיר שלעפּן זיך שוין די פּאַסקעס, באַרג

ארויף און דאָס פערדל דרייט כסדר צו אונז אויס, ווי מיט א טענה: סטייטש ווי איז מענטשלעכקייט.

מיר זיינען אַראָפּ פון וועגעלע און גענומען דרעפּטשן אינם זאַמד. ס׳פערדל אויף אַלע פיר האָט זיך אַרויפגעגראַבלט דעם זאמד־בערג און מאַנעלע ביי מיין זייט שלעפּנדיק זיינע שווערע גרויסע שטיוול האָט גענומען מיך אויסטאַפּן: „איר ציט טאַקע אַוועק? אַ שאַד א שאָד, איר וועט אונז אויספעלן. דיין מאַמע, וואָס ווייסט דו, ווו ס׳איז נאָר א לאַך פאַרשטומפּט זי. און ווי וועט אויסזען טשעלאַדזש אָן ר׳ חיים בערישן?“ זיינע אויגן האָבן אויף מיר געקוקט חנפיש־כּיטרע און פערדיש־תמעוואַטע?

איך בין אים קוים נאָכגעגאַנגען, מיינע לייכטע שטיוועלעך זיינע געווען פול מיט זאַמד, קוים כ׳האָב זיי געשלעפּט.

„ווייסט“, זיינע אויגן האָבן פאַרלוירן דאָס פערדיש־תמעוואַטע: „ווייסט, כ׳וועל דיר דערציילן א סוד“. ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט מיטן „סוד“, מאַנעלע איז נישט געווען קיין נאַר און ער האָט געוווסט, אז איך בין אויך נישט אינ־גאַנצן קיין תם, אז איך ווייס אז ער איז געווען פון צווייטן צד, פון גערער שטיבל, און אז אים האָבן זיי אונטער געשיקט צו שלמהן מיט דער טריפהנער שאלה, און דאָס צווייטע ווייב אים אַוועק געהרגט...

— „דו פאַרסט דאך לערנען צו דיין ברודער, דאָס איז א הייליקער צדיק, נאָר קוויטלעך צונעמען... מיר ווייסן וואָס מיר האָבן פאַרלוירן... אָבער אַ שטעטל, אַ קהילה... ער האָט דאך קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט צו אונז, תמיד נאָר זיין גמרא, און תמיד אויף דער מינוט אויפן זייגערל“...

מאַנעלע האָט מיך אָנגעקוקט און פאַרשטאַנען, אז איך פאַרשטיי, און ר׳ איז אַרויס מיטן סוד: „הינטן ווען מיר זיינען פאַרביי געפאָרן, אַראָפּ פון אייער גאָס, האָסט דו געזען די קופּע פרישע שטיינער? דאָס זיינען פון דיין פעטערס שטיינברוך. אז די ווענט וועלן זיין פערטיק, וועט מען נעמען דעם נייעם פּאַפּע דאָך פון אייער הויז און באַדעקן די ווענט — דאָס בוי איך מיט מיינע הענט, מיינע טעכטער דזשוויגן די שווערע שטיינער, א קדיש נאָך מיר — אַ טשעלע־דזשער בית מדרש, אן אייגנס פאַר קהל...“

איך בין שוין געווען גרייט אַריינצופאַלן אין א ווילדן התפעלות: „אן אייגן בית־מדרש — —“ אבער דאָס פערדל וואָס האָט שוין לאנג געוואַרט אויף אונז אויפן שפּיץ־בערג און איז געשטאַנען מיט אן אויסגעדרייטע מאָרדע צו אונז, האָט אראָפּגעקוקט מיט א מין זיגערישקייט: נו, נו, מענטשעלעך די פּיס־לעך געהויבן... בין איך געבליבן שטיין ווי צום צייכן, — ווי לויט ווייב, ווען ס׳איז פון איר געוואָרן אַ שטיק זאַלץ! — און פּלוצלינג געשפּירט, ווי איך זינק אַלץ טיפער און טיפער מיט מיינע שטיוועלעך, פולע מיט זאַמד. אז מאנעלע האָט מיך קוים, מיט שווערע מי פון זיי אַרויסגעשלעפּט, בין איך צוגעגאַנגען, אין די זאָקן, צום וועגעלע, און מאַנעלע האָט מיר נאָכגעטראָגןביידע שטיוועלעך.



יהושע ריווין

## א דיכטערס האַרץ

אַ דיכטער׳ס האַרץ איז אַלעמענ׳ס באַגלייך;
ס׳איז ניט נאָר זיינס אַליין...
ווער קאָן א דיכטער׳ס האַרץ
באַנעמען און פאַרשטיין?

איעדנס וויי, איעדנס קרעכץ
איז זיינס, ווי זיינס אליין;
ווער קאָן א דיכטערס האַרץ
באַנעמען און פאַרשטיין?

ער איז דער קלאַנג דאס ליד, די טרער,
וואָס רינט אַרויס פון יעדנס אויג
ער איז דער וועלט׳ס־באַנעם פון צער
ער איז איעדנס ריר אין אויג...

מ. אלמאן

## נאָטיצן פון א לייענער

### ארום גן־עדן

א יינגן וויסנשאפטלער, ד״ר האַמפּלין פון דורהאם אוניווערסיטעט, האט זיך פארגלוסט איבערצושרייבן די בייבל־געשעענישן אין אזא סדר, אז זיי זאלן זיין אין איינקלאנג מיט דער עוואַלוציע־טעאריע פון וועלטבאשאף.

לויט אים פאסט זיך נישט אריין אין נוסח דער גן־עדן מיט אדם און חוהן. האט ער פון זיין בייבל ארויסגעטראָגן נישט בלויז די צוויי איינוויינער, נאר אויך דעם גן־עדן...

און די קריסטלערע טעאלאגן פון דער ענגלישער קירכע טאדלען נישט דעם וויסנשאפטלער, נאר גרייטן זיך צו דעבאטירן זיין בייבל־פּראָיעקט.

איך דערמאן דאס אנקעגן דעם וואס עס טוט זיך אפ אויף דער יידישער גאס אין ענגלאנד, צעליב אן אפּווייכונג פון דער אנגענומענער ליניע אין פאר־שטיין די תורה.

א טייטש אהין, א טייטש אהער, אבער ד״ר ל. דזשייקאבס וויל, חלילה, אונדז נישט צונעמען דאס גן־עדן!

### צו גאַסט

(נוסח ענגלאנד)

דערציילט מיר מיין פריינד, הגם ער געפינט זיך שוין אין לאנד ארום פופצן יאר, האט ער נאך זיינע קרובים אין זייערע היימען נישט באזוכט.

און די קרובים זענען דווקא פארמעגלעכע, מיט אייגענע פאקטארוס און גבירישע וווינהייזער הינטער דער שטאט, צו וועלכע זיי קומען צו אין די נייעסטע קארס.

אין אנהויב, ווען ער איז אריבערגעקומען, זענען זיינע קרובים נישט געווען זיכער צו מע דארף אים, א רעפיודזשי, איינלאדן צו א שמחה. נאר טייל האבן זיך ארויסגעבראכן און אנגעהויבן אים יא מקרב צו זיין. אבער אלע איינלאדונגען רופן אלץ נישט אהיים אין שטוב אריין.

א ברית — טרעפט אין שפיטאל;
א בר־מצווה — ווערט געפראוועט אין האל;
א חתונה־פירט פון סינאגאגע אין טאנצזאל אריין.
יא, דערמאנט זיך מיין פריינד, א טרויריקער אמת:

בלויז — ס׳זאל נישט טרעפן — בעת א שבעה ווערט פאר אים אפן טיר און טויער! אבער דעמאלט איז אים אזוי אנגעזאלצן אויפן הארצן; אז ער איז נישט אויפגעלייגט גיין צו גאסט.

## יידיש טעאטער

אבי מע באקלאגט זיך, אז דאס יידישע טעאטער אין ענגלאנד ווערט קנאפ באזוכט. עס ווענדט זיך ווו עס שטייט איין. אין מאנטשעסטער ווערט דאס יידישע טעאטער, איין מאל אין יאר, זער טייער געשעצט.

די ליידיס פון מזרחי האבן א חזקה אראפצוברענגען זומערצייט, אויף איין אוונט, דאס יידישע טעאטער פון לאנדאן. און עס לוינט זיך זיי. יידן (פארמעג־לעכע) קויפן זיך איין צוויי מצוות מיט איין מאל: אי זיי אמוזירן זיך און אי זיי שטיצן די פאנדן פון מזרחי. בילעטן ווערן פריער פארשפרייט און דער מאטעריעלער דערפאלג איז א געזיכערטער.

אויב דאס יידישע טעאטער אין לאנדאן וואלט געקאנט איינלייזן פאר א פולן סבאר, פון א האלבע ביז א גאנצע גינע פאר א בילעט, ווי אין מאנט־שעסטער, וואלט ס׳טעאטער געלעבט און געלאבט . . .

* * *

מאנטיק, דעם 25 סטן יוני האט טאקע די טרופע פון לאנדאנער יידישן טעאטער געגעבן דא א פארשטעלונג אונטערן נאמען: „ווונטש מיר מזל טוב".

כ׳בין געזעסן אין טעאטער און געשטילט מיין בענקשאפט נאך א יידיש וואָרט . . . אלע שפאסיקע ווערטלעך, אפילו די וואס כ׳האב שוין פון פריער געהערט, האבן מיך אויפגעהייטערט. כ׳האב נישט אויסגעבראכן זיך מיטן ציבור נאר אונטערגעהאלטן דאס געלעכטער וואס האט פארהילכט דעם זאל.

דער עולם טאקע אן עלטערער. די יוגנט גרייט זיך דאך איינצונעמען פרעמדע וועלטן! זיצט און זאל אן עלטערער עולם, אסך יידן אין קאפּעלעך, ווי בעת א תפילה — און פרייט זיך אויף יידיש.

מיט אזא פארשטעלונג אויף דער פראווינץ פארדינט זיך די לאנדאנער יידיש טרופע עולם־הבא, אויב יידיש האט אויך איענע וועלט . . .



מיט אונטערהאלטן דעם יידישן פאָלקלאר — און די פארשטעלונג האט פיל פון דעם מין פארמאגט — זענען זיי (די ארטיסטן) ערלעכע פארשפרייטער פון דער יידישער קולטור.

**מנשה ווייסגראז**

## אכציק־יאריקער יובל פון יהודה ביעטש

א גרויסער עולם פון איבער הונדערט צוואנציק פערזאנען, שריפטשטעלער, קולטור־טוער, פערזענלעכע פריינט און עמך, זענען זיך צוזאמענגעקומען אין א געוועגלעכן דינסטיק אוונט, דעם 27סטן מאי, אין דער איסט־ענד פון לאנדאן, אין דער אדלער האל, ווו עס איז איינגעארדנט געווארן ביי ריין־געדעקטע טישן, באַצירט מיט בלומען, פון „פריינט פון יידיש לשון" לכבוד אונזער פרעזידענט — דעם וועטעראן קולטור־טוער פון יידיש לאנדאן ר׳ יהודה ביעטש, צו זיין אכציק־יעריקן געבוירנטאג צו ווינטשן אים „עד מאה ועשרים שנה".

דער דיכטער א. נ. שטענצל, אלס פארזיצער, באגריסט דעם בעל־שמחה און הייבט אן: „עס איז א יום־טוב פאר דער יידישער קולטור און פאר דער פאמיליע און אלע קרובים. אונזער פאריין ‚פריינט פון יידיש לשון' האט אין זיך משפחהדיקייט; נישט בחינם הייסט אונזער שפראך ‚מאמע־לשון'."

נאך דעם האט דער עולם געזונגען „לאמיר אלע מקבל פנים זיין" פאר דעם בעל היובל און זיין פרוי. עס זענען פארגעלייענט געווארן דורך פריינט אליהו פאלושאק א צאל באגריסונג־דעפעשן און בריוו, וואס זענען אנגעקומען פון פריינט. צווישן זיי זענען געווען פון דעם בארימטן שרייבער אברהם ווייטע, פון פאַריז ד״ר אהרן שטיינבערג, אהרן ראלין און פון יידישן זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין אין ענגלאנד. צווישן אנדערן שרייבן זיי: „ווי אן אפשטאמיקער פון די געדיכטע יידישע פאלקס־מאסן אין דעם אמאליקן פוילן, האט איר מיטגעברענגט קיין לאנדאן די ליבשאפט און די בענקשאפט צו אלץ, וואס איז יידיש און איר האט געטריי אפגעהיטן די דאזיקע ירושה סיי אין אייער טעטיקייט אין דער געזעלשאפט ‚פריינט פון יידיש לשון' און אין ‚בן־אורי' וכדומה".

דאס ערשטע ווארט באקומט דער סעקרעטאר פון „לשון און לעבן", נחמן רובין, וואס באגריסט דעם בעל־יובל און דאנקט דעם עולם, וואס זענען זיך צוזאמענגעקומען צו דעם פייערלעכן אוונט.

א צאל רעדנער האבן אין הארציקער ווערטער באגריסט דעם בעל־יובל און געגעבן קורצע אפשאצונגען וועגן זיין אקטיוון בייטראג צום יידישן קולטור־לעבן: ש. הארענדארף, אינם נאמען פון יידישן זשורנאליסטן און ליטעראט פאריין; מיכל זילבערבערג, אינם נאמען פון ייווא אין לאנדאן און ניו־יארק; מאריס מינדעל, אינם נאמען פון דער יידישער סאציאליסטישער ארגאניזאציע אין לאנדאן; דער מיט־רעדאקטאר, י. א. ליסקי, אינם נאמען פון דער

מ׳נדערוועצט׳קע. (די אראבישע יידן ריידן אראביש צו זייערע קינדער; און די ארעמע געסלעך פון די אראבישע יידן הערט מען אראב׳ש מוזיק פון די ראדיא־קאסטנס. זיי גיבן בכלל נישט אויף אזוי שנעל זייער שפראך און טראדיצ׳עס הגם עס האט גארנישט באריי׳כערט דעם יידישן גייסט פאר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאר).

די העברעאישע שרייבערס בורלא און הזז קלאגן אז די יוגנט אין ארץ־ישראל איז או׳סגעליידיקט און עס צ׳ט זיי צו ביליקע אמעריקאנער פילמען און דזשעז־מוזיק. פאקטיש האבן דעם פראצעס פון או׳סליידיקן זיך, אנגעהויבן זייערע טאטעס. אמת, מ׳האט די קינדער צעבאלעוועט און נאכגעגעבן צופיל; אפילו די קינדער אין די קיבוצים האבן נ׳שט קיין רעספעקט פאר ארבעט און קוקן מיט בענקשאפט צו די נעאן־ליכטער פון די שטעט. אבער, די טאטעס האבן גענומען, לויטן ווונק פון אויבן, אדער אליין, אוועקווארפן אלץ וואס זיי האבן איינגעזאפט אין גלות: אפילו דרך־ארץ פאק שיינקייט, פאר וויסן און חכמה; מען איז געווארן פראקט׳ש און מאטעריאליסטיש, מען ענטפערט אייך: „ענגליש קומט מער צוניץ — מ׳קען דערמ׳ט קריגן א בעסערן פאסטן!“ (אויב עס וועט נישט זיין גענוג פאסטנס, וועט מען שיקן די זין און טעכטער קיין אמעריקע . . .).

אדער, נעמט א טאג פון טרויער נאך די זעקס מיליאן יידן. רעג׳רונגס־מענטשן און „יד ושם“ ווייסן אז יידן געדענקען נאך דעם בראך. צי שילומים איז יא בארעכטיקט אדער נישט; די מערהייט געל׳טענע פון די לאגערן, די פאריטומטע און אומגליקלעכע, קענען נ׳שט פארגעסן. האט מען טאקע גערעדט אין פראכטפולן זאל פון „היכל התרבות“ און אין די בערג פון לעבן ירושל׳ם, ווו לאנדסמאנשאפטן פאפלאנצן בוימער צו געדענקען זייערע פארשניטענע קהלות. צי האט מען אויף די גרויסע פאלקס־פארזאמלונגען, ווו עס זיינען געווען פארזאמלט א מערהייט פון די לאגער־מענטשן — האט מען גערעדט יידיש? האט מען כאטש איין יידישן רעדנער פארבעטן אויף דער טריבונע? ניין! אפילו דר׳ דווארזשעצקע פון ווילנער געטא האט זיך געמאטערט אויף עברית. (אין קינא „תל־אביב“ האט מען יא גערעדט יידיש, אבער מ׳האט נישט געקאנט אריינלאזן מער ווי עטלעכע הונדערט מענטשן; די איבעריקע האבן נישט געקריגן קיין אינטריט־קארט). „יד־ושם“ שעמט זיך אויך מיט יידיש . . .

אין דער יידישער ראדיא, וויפל א שטיגער דארף מען צוטיילן די יידן וואס פארשטייען צום בעסטן יידיש, האבן ליב א יידיש ליד, און ווילן וויסן וועגן יידישע פראגעס פון יידישן לעבן און שאפן?

געווען א גאנצע האלבע שעה האט מען עס געקירצט אויף פינף־און־צוואנציק מינוט. א האלבע שעה איז צופיל פאר א מיליאן יידן וואס קוויקן זיך מיט א יידיש ווארט. אפילו ותיקים און די וואס ריידן צו זייערע קינדער רק עברית, האבן ליב א יידיש ליד!

און מען פארבעט מאנגערן און מען וויל אלע יידישע שרייבערס אין ארץ־ישראל. צי וואס? האלטן זיי אין דער צווייטער אדער דריטער קאטעגאריע נאך ענגליש, פראנצויזיש און דייטש? ווייזן זיי ווי מען טרעט איבער מאמע לשון יידיש?

---

## יידישער וועלט-קאנגרעס (קולטור סעקציע) און יידישער זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין

---

אײנלאדונג צו אונזער

**לעבעדיקע צייטונג**

**איבער תמוז-יארצייטן** וואס וועט פארקומען

**זונטיק, 15-טן יולי, 1962, פונקט 3 א זייגער**

**אין „ציון-הויז“, 57 איטאן אוועניו, נ.וו.3**

ZION HOUSE, 57 ETON AVENUE, N.W.3

אונטער דער רעדאקציע פון **יואל צאנג**

1. לייטארטיקל — שלום אש ...... ...... ...... **דער רעדאקטאר**
2. וולאדימיר זשאבאטינסקי ...... ...... ...... **ש. י. הארענדארף**
3. טעאדאר הערצל ...... ...... ...... ...... **יוסף פרענקעל**
4. ח. נ. ביאליק ...... ...... ...... ...... ...... **שלמה אוירבאך**

אײנטריט פריי קומט אין צייט

---

מיר דריקן אויס צו **מאדאם נאדלער**, די פארזיצעריז פון דער וויצ״א אין דער איסט־ענד, צום פארלוסט פון איר מאן, **יצחק נאדלער**. אונזער טיפן מיטלייד צו איר און אירע קינדער. „פריינט פון יידיש לשון“

---



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9-8 (העפט 71-370) דריי און צוואנציקסטער יאר אויג.־סעפ. 1962 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:

ימים־נוראים, העקני טאון־האל אנטי־פאשיסטן מאסנפארזאמלונג, די בערלינער וואנט, 10׳טער יארצייט פון די יידיש־סאוויעטישע שרייבערס ...... °° 1
די קאנצעפציע פון תשובה ...... י. ריכטיגער 5
א תפילה, היינט זיץ זיך ביים ים (לידער) ...... שמואל וועהייט 9
א „סמעשינג טיים“, אדער א לויפעניש צום ים (דערציילונג) ...... י. ביעטש 10
זומער פייגעלעך (ליד) ...... עלע זילבערג 15
נישט אומזיסט (ליד) ...... עמילי צוקינסאן 15
די שטאט פון די מזיקים (דערציילונג) ...... וויליאם מאגיגן 15
ביים ים (לידער), שלמה מלך (פראזע) ...... א. נ. שטענצל 23
אייבראהאם (פאעמא) ...... יוסף לעפטוויטש 44
יוסף לעפטוויטש (עסיי) ...... אליהו פאלושאק 44
ווער זיינען דאס „די נעמער“? ...... משה בעקערמאן 46
אנטי־סעמיטיזם אמאל און היינט ...... מ. מינדל 48
שלמה למעל ע.ה. ...... י. ל. פיין 49
מאנע קאץ ע.ה. ...... ש. 51
יידיש קולטור ידיעות ...... 52
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס ...... 52

---

פריינט פון יידיש לשון

## גראנדיעזער שמחת-תורה באל

טאנץ און געשמאקע יידישע מאכלים

זונטיק, דעם 21׳טן אקטאבער 7.30

אדלער האל אדלער סטר., א.1.

---

## פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז: —26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד: —8 דאלאר א יאר
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: —
"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.*
129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*